Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 8 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 283 | Łódź, Sroda, 10 grudnia 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאָדז: מיטוואָך כ׳ כסלו תרצ״א | № 283

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאווער 21, טעל. 224-71

סיים און סענאַט געעפענט

פאַר דער זיצונג

וואַרשאַ, 9. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

באַלד אין די מאָרגען־שעה׳ן, איז שוין אַרום דער וויעיסקא גאס וואו ס׳געפינט זיך די סיים־געביידע געוואָרען לעבעדיג. טויזענדער מענשען האָבען זיך געזאַמעלט אַרום דער געביידע, זוכענדיג אַ מיטעל, ווי אַזוי זיך אַריינצובעקומען אין סיים, שטאַרקע אָפּטיילונגען פּאָליציי האָט געהיטען די וויעיסקא גאס, און פונאַנדערגעטריבען דעם עולם, וועלכער האָט זיך געזאַמעלט ארום דער סיים־געביידע.

פון 10 אַ זייגער אָן האָט צו דער סיים־געביידע אָנגעהויבען אָנצוקומען צעהנדליגער אויטאָס, וועלכע האָבען געבראַכט די נייע דעפּוטאַטען, מיניסטאָרען און מיטגלידער פון דעם דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס. אין סיים האָט מען געזעהען פיל נייע פּנימער, וועלכע זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אין סיים. די וואָזשנעס זענען געשטאַנען אין די קאָרידאָרען און אָנגעוויזען די „גרינע״ וואו זיי האָבען צו געהן. אַ גרויסען אינטערעס האָט אַרויסגערופען די ערוואַרטונג אויף די דעפּוטאַטען וואָס זענען געזעסען אין דער בריסקער פעסטונג. מ׳האָט דערצעהלט, אַז זיי זעהען זעהר שלעכט אויס, זענען גראָה געוואָרען א.אַז.וו. אין די קולואַרען האָט מען אָבער נאָר געזעהען דעם דעפּ. באַרליצקי, דעפּ. ליבערמאַן איז נישט געווען, און ווי מ׳האָט דערצעהלט געפינט ער זיך אויף קוראַציע אין אָטוואָצק. וויטאָסעס חברים האָבען ערקלערט אַז ער וועט צו דער זיצונג נישט קומען, ווייל ער געפינט זיך אין אַ קליניק הינטער קראָקאָ.

די ערוואַרטונג

מ׳האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי די אָפּאָזיציע וועט זיך פיהרען, צי וועט זיין רוהיג אָדער וועט שטורמען די זיצונג. ס׳זענען אַרומגעגאַנגען פערשידענע קלאַנגען. נאָך האָט מען גערעדט פיל וועגען דעם, ווער ס׳וועט פיהרען די ערשטע זיצונג פון סיים. באַלד האָט מען זיך דערוואוסט, אַז איינער פון די עלטסטע דריי דעפּוטאַטען מאַקסימיליאַן מאַלינאָווסקי פון „וויזוואָלעניע״ און איינער פון די עלטסטע 3 סענאַטאָרען סענ. טהוליע זענען אַרויסגערופען געוואָרען צום מלוכה־פּרעזידענט.

דער מלוכה־פּרעזידענט האָט פאָרגעלעגט דעם דעפּ. מאַלינאָווסקי צו פיהרען די ערשטע זיצונג, בתנאי, אַז זי זאָל געפיהרט ווערען אַזוי, אַז די רוה זאָל נישט געשטערט ווערען און דערביי זאָל ער זיך נישט רעכענען מיט קיין שום סימפּאַטיעס. דעפּ. מאַלינאָווסקי האָט געזאָלט ענטפערען, אַז ער קען זיך דאָס נישט אונטערנעהמען, ווייל ער וועט פיהרען די זיצונג, אַזוי ווי ער פערשטעהט.

צוליב דעם אָפּזאָג האָט דער מלוכה־פּרעזידענט בעשטימט צו פיהרען די זיצונג דעם דעפּוטאַט אַבדזשעי לובאָמירסקי (ב.ב.) און די סענאַט־זיצונג סענ. טהוליע.

בעראַטונגען פון די סיים־קלובען

צווישען 10 און 12 זענען פאָרגעקומען בעראַטונגען פון די סיים־קלובען. די ענדעקעס האָבען בעשלאָסען אַרויסצושטעלען דעם דעפּ. זוויעזשינסקי, אַלס קאַנדידאַט אויף סיים־מאַרשאַלעק.

פּ.פּ.ס. האָט אָפּגעהאַלטען אַ בעראַטונג, די בעשלוסען זענען נישט בעקאַנט געווען, פון קלוב־צימער זענען אָבער אַלע דעפּוטאַטען ארויס מיט רויטע בלימעלעך אין די קלאַפּעס.

ב.ב. האָט אָפּגעהאַלטען אַ בעראַטונג און דער אַמטירענדער פאָרזיצער האָט צוו. אַנד. ערקלערט אַז אין קלוב זענען פערהאַן אוקראַינער, ווייסרוסען, יידען, טשעכען און רוסען. אַרבייטענדיג צוזאַמען לטובת דער מלוכה האָט יעדער דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער אַרבייט לטובת זיין פאָלק. צו דעם צוועק וועלען קענען געגרינדעט ווערען בעזונדערע פראַקציעס.

באַלד איז בעוואוסט געוואָרען, אַז

„די פראַקעס״

וועלכע זענען געוועהלט געוואָרען אויף דער ב.ב.־ליסטע גרינדען אַ בעזונדערען קלוב. ס׳איז אויך

פאָרגעקומען אַ בעראַטונג פון

יודישען קלוב

ס׳זענען אַנוועזענד געווען די דעפּוטאַטען: גרינבוים ד״ר ראָזענבלאַט, ראָזמאַרין, זאָמערשטיין, ראָטענשטרייך, ד״ר טהאָן איז נישט געווען צוליב זיין קראַנקהייט אַלס פּרעזעס פון קלוב איז געוועהלט געוואָרען ד״ר טהאָן, אַלס וויצע־פּרעזעס דעפּ. ראָזמאַרין. דעפּ. גרינבוים האָט ערקלערט, אַז ער וועט זיך אונטערהאַלטען פון אַלע בעשלוסען פון קלוב בתנאי, אַז ס׳וועט נישט אָנגעהאַלטען ווערען קיין קאָנטאַקט מיט דער סאַנאַציע און, אַז הרב לעווין וועט נישט אַריינגענומען ווערען אין קלוב, דעפּ. ראָזמאַרין האָט דאָס צוגעזאָגט.

אַ צווייטער יודישער קלוב

דעפּ. ווישליצקי האָט דאַן ערקלערט פאַר די זשורנאַליסטען, אַז ער גרינדעט אויך אַ יודישען קלוב, צו וועלכען ס׳וועלען געהערען: ווישליצקי, מינצבערג, מענדעלסאָן, יעגער און הרב לעווין, אַזוי אַרום האָט דעפּ. ווישליצקי ערקלערט, וועט זיין קלוב נישט זיין קלענער ווי דער ציוניסטישער.

די זיצונג פון סיים

12 אַ זייגער האָבען זיך דערהערט די סיגנאַלען, וועלכע האָבען צונויפגערופען די דעפּוטאַטען צו דער זיצונג, די דיפּלאָמאַטען לאָזשע איז געווען איבערפול, אין דער לאָזשע פון מלוכה־פּרעזידענט האָט זיך געפונען די פרוי פון מאַרשאַל פּילסודסקי און דער קאַפּעלאַן פון מלוכה־פּרעזידענט גלח באַראַנעק. די פּרעסע־לאָזשעס זענען געווען איבערפול מיט אינלענדישע און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען. די בענק פון די מיניסטאָרען זענען געווען פערנומען דורך אַלע מיניסטאָרען און וויצע־מיניסטאָרען חוץ דעם קריגס־מיניסטער מאַרשאַל פּילסודסקי.

12 אַ זייגער מיט 10 מינוט געהט אויף דער טריבונע אַרויף פּרעמיער סלאַוועק און הויבט אָן צו לייענען דעם

מאַניפעסט פון מלוכה־פּרעזידענט

אָבער באַלד האָבען זיך דערהערט אויסגעשרייען פון די קאָמוניסטען „נידער מיט דער פאַשיסטישער רעגירונג, נידער מיט דער רעגירונג פון אַ מלחמה מיט סאָוויעט־רוסלאַנד״. פּרעמיער סלאַוועק זאָגט: „איך בעט זיך צו בערוהיגען״. די ב.ב.־דעפּוטאַטען אַפּלאָדירען, די מאַרשאַל־וואַך קומט אַריין אין זאַל באַלד דערויף אַנ׳אָפּטיילונג פּאָליציי, די מאַרשאַל־וואַך טראָגט אַרויס די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטען בוזשינסקי, ראָזשעק און דאַנעצקי פון זאַל. די פּאָליציי פערלאָזט דאַן דעם זאַל. איינער פון די ב. ב.־דעפּוטאַטען לאַזאַרסקי גיט דערביי אַ קלאַפּ דעם קאָמוניסט דאַנעצקי. ס׳הערט זיך אַנ׳ אויסגעשריי: „זאָל לעבען מאַרשאַל פּילסודסקי״

די ב.ב.־דעפּוטאַטען אַפּלאָדירען, אין זאַל ווערט רוהיג און פּרעמיער סלאַוועק לייענט דעם מאַניפעסט, פון מלוכה־פּרעזידענט. אין מאַניפעסט ווערט געזאָגט:

„דער כוח און ענטוויקלונג פון לאַנד שטיצען זיך אויף דער ערנסטקייט און מאַכט, פון די גוטע געזעצען וואָס רעגירען מיט זיין לעבען, פון פיל נויטיגע אַרבייטען וואָס דער ניי־געוועהלטער סיים און סענאַט וועלען מוזען אַדורכפיהרען רוקט זיך אַרויס אין אויבנאָן די אויסבעסערונג פון דער קאָנסטיטוציע.

די ביז־איצטיגע קאָנסטיטוציע איז געווען אויסגעאַרבייט אין כאַאָס פון דער אויסערליכער מלחמה און צווישען טיפע אינערליכע מיינונגס־פערשידענהייטען. זי איז נישט געווען קיין ווערק פון אייגענער ערפאַהרונג, האָט זיך נישט אַרויסגעוויזען פאַר קיין פערפולקאָמט ווערק, און נישט געגעבען דער מלוכה קיין בעדינגונגען פאַר ענטוויקלען איהרע כוחות. עפענענדיג דעם פריהערדיגען סיים האָב איך אָנגעוויזען אויף זיין אויפגאַבע צו פערבעסערען די קאָנסטיטוציע. ווען איך בין געקומען צום אויספיהר, אַז איך וועל נישט קענען מיט דער הילף פון פריהערדיגען סיים אַדורכפיהרען די אויסבעסערונג פון דער קאָנסטיטוציע האָב איך בעשלאָסען איהם צוזאַמען מיט׳ן סענאַט פונאַנדערצולאָזען און זיי צו ווענדען צו דער מיינונג פון פאָלק. די וואַהלען האָבען אַריינגעפיהרט אין סיים און סענאַט אַ בעדייטענד אַנדערען צוזאַמענשטעל, דאָז לאָזט מיך האָפען, אַז דער נייער סיים און סענאַט וועלען צוטרעטען מיט דעם גאַנצען גוטען ווילען קודם־כל צו דער גרויסער אַרבייט איבער׳ן פערבעסערען די געזעצען, וואָס רעגירען מיט דער מלוכה. אין דער האָפנונג, אַז דער סיים וועט זיך אין זיין אַרבייט אויסשליסליך ריכטען מיט דער טובה פון דער מלוכה אַלס גאַנצעס און זאָרגען וועגען זיין ענטוויקלונג און קראַפט — עפען איך דעם סיים״.

נאָכ׳ן אַדורכלייענען דעם מאַניפעסט שרייט אויס דער פירטער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט טקאַטשוק „זאָל לעבען די אַרבייטער און פויערים־רעגירונג״. אויך ער ווערט אַרויסגעפיהרט פון זאַל.

פּרעמיער סלאַוועק גיט דאַן איבער

צו פיהרען די זיצונג דעם דעפּוטאַט אנדזשעי לובאָמירסקי

דעפּ. לובאָמירסקי נעהמט איבער דעם פאָרזיץ און פערבעט אַלס סעקרעטאַרען די יונגסטע דעפּוטאַטען קאָנסטאַנטי פּאַץ און זביגניעוו סטיפּולקאָווסקי, בעת פּרעמיער סלאַוועק האָט אַדורכגעלייענט דעם מאַניפעסט פון מלוכה־פּרעזידענט, איז די פּ.פּ.ס., וויזוואָלעניע און אַ טייל פון דער פויערים־פּאַרטיי נישט געווען אין זאַל. זיי זענען ערשט אַריינגעקומען, ווען דער פאָרזיצענדער האָט אָנגעהויבען אָפּצונעהמען די שבועה ביי די דעפּוטאַטען.

צו דער שבועה זענען אויך געקומען דעפּ. ליבערמאַן און דער קראַנקער דעפּוטאַט יאַן דאָמבסקי, דאָס שווערען געדויערט אַ שעה צייט. דאַן טרעט דער פאָרזיצענדער צו צום וועהלען וואַ סיים־מאַרשאַלעק, ס׳זענען פערהאַן צוויי קאַנדידאַטען: ד״ר שוויטאַלסקי פון ב.ב. און דעפּ. זוויעזשינסקי (נ.ד.) בעת ס׳ווערען פערטיילט די צעטלען אויף צו וועהלען אַ מאַרשאַלעק, צעוואַרפט דעפּ. זאַרעמבא פון פּ.פּ.ס. צעטלען מיט דעם אויפשריפט:

„דאָס איז פאַר אייך פון אונז אויף היינט״

„9 סעפּטעמבער — בריסק — 9 דעצעמבער״. עס קומט צו א וואָרטער־אויסטויש צווישען די פּ.פּ.ס. דעפּוטאַטען און דעפּוטאַטען פון ב.ב. אָבער באַלד ווערט רוהיג. אין זאַל זענען אַנוועזענד 407 דעפּוטאַטען, גילטיגע צעטלען זענען אָפּגעגעבען געוואָרען 300, די אַבסאָלוטע מעהרהייט האָט אַלזאָ בעטראָפען 151, דעפּ. שוויטאַלסקי האָט בעקומען 238 שטימען, דער ענדעקישער קאַנדידאַט 62,

אַלס סיים־מאַרשאַלעק איז געוועהלט געוואָרען ד״ר שוויטאַלסקי

די פּ.פּ.ס.־אישע דעפּוטאַטען האָבען אָפּגעגעבען צעטלען מיט דער אויפשריפט „בריסק״. די דעפּוטאַטען פון ציוניסטישען „קאָלאָ״ האָבען אָפּגעגעבען ווייסע צעטלען.

דער פאָרזיצער ווענדעט זיך דאַן צום דעפּ. שוויטאַלסקי, מיט דער פראַגע, צי ער נעהמט אָן דעם אַמט, דעפּ. שוויטאַלסקי ענטפערט, אַז ער בעט אַ הפסקה פון אַ האַלבע שעה כדי זיך צו בעטראַכטען. די דאָזיגע ערקלערונג רופט ארויס אַ שטיקעל סענסאַציע, אָבער באַלד דערוויסט מען זיך, אַז שוויטאַלסקי איז אַוועקגעפאָהרען צום מלוכה־פּרעזידענט אָנפרעגען צי ער זאָל אָננעהמען דעם אמט.

בעת די וואַהלען פון מאַרשאַלעק האָט דעפּ. דאַשינסקי געחלשט

און דעפּ. פּיאָטראָווסקי האָט אָפּגעפיהרט דעפּ. דאַשינסקי אַהיים.

נאָך דער הפסקה האָט דעפּ. שוויטאַלסקי ערקלעהרט, אַז ער נעהמט אָן דעם אַמט פון מאַרשאַלעק. די ב.ב.־דעפּוטאַטען האָבען איהם געמאַכט אַנ׳אָוואַציע. מאַרשאַלעק שוויטאַלסקי האָט ערקלערט אַז דער ערשטער בעדינג פון אָננעהמען זיין אַמט איז דאָס צוטרוי פון דער מעהרהייט, פאַר וועלכער ער דאַנקט. דער צווייטער בעדינג איז, אַז די דעפּוטאַטען זאָלען איהם צוהעלפען אין זיין אַרבייט. ער וועט נישט לאָזען אַז דער סיים זאָל זיך פאַרנעהמען מיט אַזעלכע ענינים וואָס מוזן אַדורכפאַלן אויך אַז סיאָל געהאַלטען ווערן פּשוטע אָניטאַציע־רעדעס. ביז ס׳וועלען נישט געשאַפען ווערען אַנדערע יסודות פון דער קאָנסטיטוציע וועט ער זיך בעמיהען אַזעלכע יסודות צו געפינען, אויך האָט דער מאַרשאַלעק ערקלערט, אַז ער וועט נישט מאַכען קיין געברויך פון אַרט. 21 פון דער קאָנסטיטוציע, וועלכער גיט איהם דאָס רעכט צו בעפרייען דעפּוטאַטען. יעדע טאָג־אָרדנונג וואָס צונויפגעשטעלט ווערען אין פערשטענדיגונג מיט דער רעגירונג, ווייטער האָט מאַרשאַלעק שוויטאַלסקי ערקלערט, אַז ער האָט זיך אָנגעפרעגט ביים מלוכה־פּרעזידענט, צי ער זאָל אָננעהמען דעם אַמט און איהם ערקלערט, אַז אויף בעפעהל איז ער שטענדיג גרייט צו רעזיגנירען, מיט דעם האָט זיך געענדיגט די זיצונג, די צווייטע זיצונג קומט פאַר היינט מיטוואָך 4 ביטאָג. ס׳וועלען געוועהלט ווערען וויצע־מאַרשאַלקעס. ווי מ׳שמ׳עסט וועט דער ב. ב. קלוב אַריינטראָגען אַ פאָרשלאָג וועגען אַ נייעם סיים־רעגולאַמין און די אָפּאָזיציע וועט אַריינטראָגען אַ אינטערפּעלאַציע וועגען בריסק.

די אונטערהאַנדלונג מיט׳ן מאַרשאַלעק

באַלד נאָך דער זיצונג האָט דער סיים־מאַרשאַלעק אונטערהאַנדעלט מיט די קלוב־פאָרזיצערס וועגען די וויצע־מאַרשאַלקעס. די נ. ד האָט ערקלערט, אַז זי רוקט אַרויס אַלס קאַנדידאַט אויף אַ וויצע־מאַרשאַלעק דעפּ. טשעטווערטינסקי. פּ.פּ.ס. און „וויזוואָלעניע״ האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערהאַנדלען, מאָטיווירענדיג דאָס מיט בריסק און די פאָרגעקומענע וואַהלען.

ווי מ׳שמיעסט וועט אויף איינער פון די נאָהענטסטע סיים־זיצונגען אָפּגעשאַפט ווערען די צאַרישע בעגרענצונגען.

די זיצונג פון סענאַט

4 אַ זייגער איז פאָרגעקומען די זיצונג פון סענאַט. די דיפּלאָמאַטישע לאָזשעס און פּרעסע־לאָזשעס זענען ווייטער פול. דער פּרעמיער סלאַוועק האָט איבערגעלייענט דעמזעלבען מאַניפעסט פון מלוכה־פּרעזידענט. די פּ.פּ.ס.־ישע און „וויזוואָלעניע״ סענאַטאָרען זענען נישט אַנוועזענד געווען. די זיצונג האָט געפיהרט סענ. טהוליע—סענאַטאָרין הוביצקאַ און סענאַטאָר פּאַטאַצקי. נאָכדעם ווי ס׳ווערט אָפּגעגעבען די שבועה טרעט מען צו צו וועהלען אַ סענאַט־מאַרשאַלעק. ס׳זענען אַנוועזענד געווען 108 סענאַטאָרען, 33 צעטלען זענען אָפּגעגעבען געוואָרען ווייסע. 75 שטימען האָט בעקומען

סענ. ראַטשקעוויטש געוועהלט געוואָרען אַלס מאַרשאַלעק.

דער מאַרשאַלעק האָט געהאַלטען אַ קורצע רעדע, אַז ער וועט מיטאַרבייטען מיט דער רעגירונג און די זיצונג איז געשלאָסען געוואָרען. די נאָהענטסטע זיצונג קומט פאַר דאָנערשטאָג.

ערעפנונג פון איבערשלעזישען סיים

קאַטאָוויץ, 9 (טעלעפאָניש) היינט איז אויך געעפענט געוואָרען דער איבערשלעזישער סיים. אַלס מאַרשאַלעק איז געוועהלט געוואָרען דער פריהערדיגער מאַרשאַלעק וואָלני. ס׳איז אָנגענומען געוואָרען אַ דרינגענדער פאָרשלאָג תיכף צו בעפרייען דעם דעפּוטאַט קאָרפאַנטי. די רעגולאַמין־קאָמיסיע, וועלכע דאַרף דעם ענין ערלעדיגען האָט קומען דערויף 3 טאָג צייט.

טשאַלקאַש, דיבוא און באַגינסקי נישט בעפרייט

וואַרשאַ, 9 (טעלעפאָניש) די פרויען פון די אַרעסטירטע געוו. דעפּוטאַטען טשאַלקאַש דיבוא און באַגינסקי זענען היינט געווען ביים אויספאָרשונגס־ריכטער דעמאַנט, וועלכער האָט ערקלערט, אַז די אַרעסטירטע וועלען דערוויילע נישט בעפרייט ווערען.

די גרויסע ענטוואפנונגס=דעקלאראציעס
אויף דער שלוס=זיצונג פון דער פעלקער=בונד=קאמיסיע

גענף, 9 (טו) די ענטוואפנונגס-קאמיסיע פון פעלקער-בונד האט נאך צו'ארבייט פון 5 און א האלבע וואך געשלאסן די זיצונג. דער פעלקער-בונד דארף איצט צונויפרופן די אלגעמיינע ענט-וואפנונגס-קאנפערענץ. דער סאוויעטישער פארשטע-הער ליטוויטשאמסקי האט פארגעלייענט א גרויסע דעקלאראציע, אין וועלכער ער האט אין נאמען פון דער מאסקווער רעגירונג שטארק קריטיקירט דעם ענטוואפנונגס-אפמאך אין אלע פונקטען. דעם גאנצן אפמאך האט ער אפגעווארפן און ארא-גענומען פון זיך יעדע פעראנטווארטליכקייט פאר אזא אפמאך וואס מאכט מעגליך א פולע בעוואפנונג אויף דער צוקונפט. דער סאוויעטישער פארשלאג די דאזיגע דעקלאראציע צוצולעגן צום גענעראל-בעריכט פון פעלקער-בונד-ראט איז אפגעווארפן געווארן.

לארד ראבערט סעסיל האט ערקלעהרט, אז דער אפמאך מאכט מעגליך צו בעגרעניצן די בע-וואפנונג, איצט איז אלץ אנבעלאנג אין די פעלקער אליין.

אין נאמען פון דער אמעריקאנער רעגירונג האט דער באטשאפטער גיבסאן ערקלעהרט, אז נאך שארפע קאמפען איז דאך געקומען צו א הסכם. ער פערשטעהט די שוועריגקייטען פון איינצלנע רעגירונגען. לויט זיין מיינונג האבען געפעהלט פיל פאקטארען, וואס האבען געקענט פיהרען צו אלגעמיינער ענטוואפנונג. אפשר וועט די אלגעמיי-נע ענטוואפנונגס-קאנפערענץ מעהר דערגרייכען ווען די רעגירונגען וועלען דאס נאר עהרליך וועלען. ס'ליגט איצט א שווערע פעראנטווארטליכקייט אויף די רעגירונגען. אפען און עהרליך מוזען די דעלע-גאציעס ערקלעהרען זייערע רעגירונגען, אז ס'איז נישט פערהאן קיין ענטוואפנונגס-אפמאך.

דער דייטשער פארשטעהער גראף בערנסדארף האט מסכים געווען מיט די אויספיהרונגען פון אמעריקאנישען פארשטעהער.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קאנפע-רענץ איז בעקומען צו א ווערטער-אויסטויש צווי-שען ליטוויטשאמסקי און די פערטרעטער פון דער פוילישער רעגירונג.

אין גענעראל-בעריכט פון דער פעלקער-ליגע האט זיך גערעדט וועגן דעם, אז די שכנות'דיגע פעלקער פון די סאוויעטען: ליטע, עסטלאנד, לעט-לאנד, פוילען און רומעניען קענען אפהענגיג מא-כען זייער אנשלוס און ענטוואפנונגס-אפמאך פון דעם אנשלוס פון סאוויעט-רוסלאנד, ליטוויטשאמסקי האט געגען דעם פראטעסטירט, די פוילישע פער-טרעטער האבען פערלאנגט, אז דער פונקט זאל בלייבען, וואס ס'איז אויך בעשלאסען געווארן.

שרעקליכער שניט פון גיפטיגען נעבעל
90 טויטע און 300 פערוואונדעטע פון די גיפטיגע גאזען

בריסעל, 9 (ספ טעל.) אויף די שטחים הינטער ליעזש, וואו ס'זענען געווען די גיפטיגע נעבלען געפינען זיך דאקטוירים-קאמיסיעס און מי-ליטער-פאכליים, וועלכע זענען געקומען פעסטשטע-לען די סיבות פון די מאסען טויט-פאלען. דערוייל איז נישט געלונגען פעסטצושטעלען די סיבות פונ'ם גרויסען אומגליק. די צאהל טויטע איז געשטיגען ביז 90. א חוץ דעם זענען פערהאן 300 לייכט פערגיפטעטע. צווישען דער בעפעלקערונג הערשט א שרעקליכע פאניק. קיינער געהט נישט ארויס אין גאס אהן גאז-מאסקעס, וועלכע זענען אנגעקומען אין א גרויסער צאהל.

רערוייל מעלדעט די פאריזער „ליבערטע" וועגען די געהיימנישפולע דייטשע איבונגען אויף דער בעלגישער גרעניץ, די צייטונג האלט, אז די דייטשע מיליטער-אפטיילונגען האבען זיך בענוצט מיט גיפטיגע גאזען, וועלכע דער ווינד האט פער-יאגט איבער בעלגיען. אויף וויפיל דאס איז אמת איז נישט פעסטגעשטעלט געווארן.

פאכלייט האבען ארויסגעזאגט די השערה, אז דער גיפטיגער נעבעל ענטהאלט ארשעניק, וועלכער קומט פון די נאהענטע צינק-פאבריקען.

א געדיכטער נעבעל איבער בערלין

בערלין, 9 (טו) היינט פארמיטאג איז גאנץ בערלין געהילט געווארען אין א געדיכטען נעבעל. דער זוסען-פערקעהר קומט פאר מיט גרוי-סע שוועריגקייטען. אזא געדיכטער נעבעל איז נאך אין בערלין נישט פערצייכענט געווארען.

גענעראל=שטרייק אין שפאניען
גרויסע צוזאמענשטויסען פון שטרייקענדע מיט פאליציי

מאדריד, 9 (טו) נאכדעם ווי אין וואַ-לענציא האט זיך אנגעהויבען דער שטרייק פון די האלץ-ארבייטער, איז דינסטאג פארגעקומען א גרויסע דעמאנסטראציע פון די שטרייקענדע, וועל-כע האבען אנגעגריפען א פאליציי-פאטרול. א פא-ליציסט איז דער'הרג'עט געווארען, די פאליציי האט געשאסען און דערשאסען דעם סעקרעטאר פון מעטאל-ארבייטער-פערבאנד, צוליב דעם איז ערקלערט געווארען א גענעראל-שטרייק אויף 48 שעה. ס'איז געקומען צו פיל צוזאמענשטויסען, די טראמוואיען זענען אומגעווארפען געווארען און בעווארפען געווארען מיט שטיינער, די צייטונגען זענען אפגעשטעלט געווארען.

די פערמשפטע אין מאסקווער פראצעס
זענען איבערגעשיקט געווארען אין ניזשניער=נאוואגראדער טורמע

קאוונא, 9. (טו) נאך דעם ווי די אנגעקלאגטע אין מאסקווער פראצעס זענען בעגנעדיגט געווארען זענען אלע פערמשפטע אפגעשיקט געווארען אונ-טער א שטרענגער וואך קיין ניזשני-נאווגאראד. וואו זיי זענען איינגעזעצט געווארען אין טורמע, די אפטראנספארטירונג פון די פערמשפטע איז פאר געקומען אהן שום אינצידענט.

ווער וועט זיין אויסערן=מיניסטער

ווארשא, 9. (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט). היינט איז אונטערגעשריבען געווא-רען די נאמינאציע פון פולק. בעק אלס וויצע-אוי-סערן-מיניסטער, ווי מען שמועסט זאל מינ. זאלעסקי זיך אפגעבען אין דעמיסיע און זיין ארט זאל פער-נעהמען פולק. בעק.

הלוואה פון א מיליארד פראנק פאר פוילען

ווארשא, 9. (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט). ווי מען גיט איבער זאל פוילען אינגיכען בעקומען פון פראנקרייך א הלוואה פון א מיליארד פראנק. נאכדעם זאלען קומען נאך אנדערע הלוואות. גענ. גורעצקי האט ערקלערט, אז אויף דער הלוואה זאל פערמשכנט ווערען די קויה לען-אינדוסטריע שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט

שארפער פראטעסט פון „מזרחי" געגען ציוניסטישען צ.ק.

ווארשא, 9. (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט). היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון פארטיי-ראט פון „מזרחי" ס'איז בעטראכט געווא-רען דער אויסגאנג פון די וואהלען, איינשטימיג איז בעשלאסען געווארען צו שטעמפלען די האנדלונג פון ציוניסטישען צ.ק. און דעפ. גרינבוים וועלכע האבען געבראכען די הבטחה בנוגע דעם מאנדאט פון ה' פארבשטיין. אין דער רעזאלוציע ווערט גע-זאגט, אז דער ציוניסטישער צ.ק. פערדינט מעהר נישט קיין צוטרוי און ווערט צום לעצטען מאל אויפגעפאדערט אפצוגעבען דעם מאנדאט דעם ה' פארבשטיין.

מאשיך=מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע ווי אויך מצה=מעהל, אייער=פערפעל און סובארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזער גוט-בע קאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל בעוואוסטער צוקערביע
נ. ווייבערג
38 פיעטריקאווער 38
טעל 143-82

DR. MED.
L. Pikielny
אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירן, בלאז און אורין-קראנקה.
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעמט אן פון 12–1 און פון 7–4 אווענד.

צו פערמיטען
איין צימער פארטער, וואולטשאנסקא 144. צו ערפאהרען ביים ווירט קילינסקי 50. 2886

א נאבינעטאווע
בייל-מאשין
זינגער'ס, פאסט נ״, פרייזווירדיג צו פערקויפן.
גלובנא 33, וו. 11.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש 20
שבת, דעם 13-טען, 11 פריה קומט פאר נאר איין
קאנצערט פון יודישען ווארט
אויסגעפיהרט דורך דעם קינסטלער-דרייליגג
דוד הערמאן, בעוו. נסטער רעזשיסער און אינסצעניזאטאר
יוסף קאמיען, הויפט-ארטיסט פון דער ווילנער טרופע
דינה קעניג, ארטיסטקע
אין פראגראם:
די גאלדענע קייט פון י. ל. פרץ — דוד הערמאן
מיט'ן שטראם פון שלום אש
שלום עליכם, משה נאדיר, דער טונקעלער א. אנד. אקמוזאלימעטען — יוסף קאמיען
פאלקס-לידער, געזונגען דורך דינה קעניג.
בילעטען פון 50 גר. ביז 2 גילדען שוין צו בעקומען ביי דער קאסע פון פילהארמאניע. 9897

שבועה דאורייתא

לויט'ן פסק-דין פון פרידענס - געריכט וועט היינט, מיטוואך שווערען אין דער אלטשטע-טישער שוהל וואלבארסקא 20 דער ווירט יענקעל דעסאו פון סקלאדאווא 14 וועגען א סומע פון 500 זל. וואס עס קומט דעם ארבייטער משה בלו-מענשטיין, בלאכארזש, וואס ער לייקענט אפ.

מיט אכטונג מ. בלומענשטיין, קעלמא 23

אכטונג, סוחרים!

ווער עס האט פראטעסטירטע וועקסלען אייגען אויסגע-שטעלטע אדער קונדישע פון די פירמעס
B-cia SZNELLING, Warszawa, Nalewki 17
– אדער –
SZ. WACHMAN, Warszawa, Nalewki 7
ווערען געבעטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען זיך צו ווענדען צו
H MAJRANC, Łódź, Piotrkowska 20
אדער צו
B. KAPŁAN, Warszawa, Muranów 1.



קאלאשען און באטען

פון דער פירמע Schweikert און Pepege אין א גרויסען אויסוואהל צו ביליגע פרייזען צו בעקומען ביי
BERGER i FLATTAU נאוואמ'עסקא 3
דער פערקויף הויבט זיך אן פון 5 פאר אן נור אין הורט.

עכט נור אין אריגינעלע שאכטעל
בעמערקונג! זאפראווע אויף דער וואג ארבייטען מיר נישט.
ווארפט זאלכע אב אלס פאלשע סחורה

DR. MED. H. LUBICZ
ספ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנק.
בעהמט ווידער אן
אויף צעגעלניאנא 43, טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8 זונטאג און יו"ט 9–1. פאר דאמען בעזונדערער ווארטע-זאל.

שטאט=טעאטער, צעגעלניאנא 63.

זונטאג, דעם 14. דעצ. 12 בייטאג נור 1 קאנצערט
פון דער בעוואוסטער טענצערין, פר"מא-באלערינע פון דער פא-לעסטינער אפערע און קאסמאפאליטאן, ניו-יארק
רינא ניקאווא
אין פראגראם:
ביבלישע / אראבישע / יעמעניצקע / אריענטאלישע טענץ
14 ערשטקלאסיגע סאלא-נומערן, אויסגעפיהרט דורך דער טענצערין אין סעצ. קאסטיומען, פראיעקטירט דורך די בעסטע קינסטלער-מאלער
ביים קלאוויר: אינעז יאזע.
פאפולערע פרייזען פון 1 זל.
בילעטען אין דער פארקויף-קאסע פון שטאט-טעאטער, פיעטריקאווער 73. אנהויב 12 א זייגער בייטאג.

„ארבייטער=ווינקעל" פאלודניאווא 20

מארגען, דאנערשטאג, דעם 11-טען דעצ., פינקטליך 8 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון „ארבייטער-ווינקעל" פאלודניאווא 20

א ארבייטער-פערזאמלונג

אויף וועלכער דער חשוב'ער גאסט, דער בעוואוסטער פובליציסט פון אמעריקא
ח' הלל ראגאף
וועט אפגעבען א גרוס פון דער
יודישער ארבייטער - בעוועגונג אין אמעריקא.

לאדז. 10 דעצעמבער 1930

„ניַיער פאָלקסבלאַט“

לאדז. 10 דעצעמבער 1930

די נייע רעגירונג אין עסטרייך
א קלענערע צרה פאר יודען

(קאָרעספּאָנדענץ פון ווין)

קודם־כל אַ פרעהליכע בשורה. מיר האָבען שוין ברוך־השם אַ בונדעס־קאַנצלער. חדשים־לאַנג האָבען מיר זיך געשראָקען, געהאַט אמת מורא, געציטערט פאַר יעדער שעה, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט. וואָגוען, אַ פערביסענער אַנטיסעמיט, האָט געהאַט די ממשלה אין עסטרייך און מיט איהם דער פיהרער פון די אַנטיסעמיטישע היימווער, דער יונגער גראַפעלע שטאַרעמבערג. האָבען זיי פערלאַנגט נייע וואַהלען, בכדי צו ברענגען — ווי זיי האָבען געמיינט — די מפּלה פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אין איין וועגס להשמיד ולהרוג אַלע יודען.

ביי די וואַהלען האָבען אָבער די ביידע אַנטיסעמיטען געהאַט אַ מפּלה. האָבען זיי געטראַכט מיט אַלע מיטלען צו בלייבען זיצען אויף די בענקלעך און האָבען פשוט נישט געוואָלט איבערגעבען די מאַכט פון זייערע הענד. זייער כוונה איז געווען נאָכאַמאָל אויסצושרייבען וואַהלען און זיי דורכצופיהרען ביד חזקה, מאַכען אַ פאַשיסטישע רעגירונג. און מיר האָבען דאָ טאַקע טאָג פאַר טאָג געציטערט.

היינט אָבער איז שוין געשאַפען געוואָרען די נייע רעגירונג, אין וועלכער ס'געהערט אויך דער פּאָליציי־פּרעזידענט ד"ר שאָבער, אַ ליבעראַלער מענש, וואָס וועט נישט דערלאָזען, אַז יודען זאָל געשעהן אַ סך עוולות. כאָטש דער שעף פון דער רעגירונג איז אַליין אויך אַן'אַנטיסעמיט, אָבער פון די געמעסיגטע אַנטיסעמיטען... ער האָט טאַקע פיינד אַ יודען, אָבער אויסצוקוילען אַלע יודען, ווי ד'פריהערדיגע רעגירונג איז געווען להוט — צו דעם וועט ד"ר ענדער נישט מסכים זיין.

ד"ר ענדער איז ביז איצט געווען שעף פון דעם לאַנד פאָראַרלבערג. כידוע איז עסטרייך געטיילט אין אַכט לענדער. דאָס פאָראַרלבערג ליגט שוין ביי דער שווייצאַרישער גרעניץ, אַרומגענומען מיט הויכע בערג און איז דאָס קלענסטע לענדעל אין עסטרייך. קיין סך יודען וואוינען דאָרט נישט און דאָס איז טאַקע דער טעם, וואָס ענדער איז נישט קיין אָפענער, נישט קיין פערביסענער שונא־ישראל. דאָס לאַנד פאָראַרלבערג האָט אין יאָהר 1918, ווען די גרויסע עסטרייך־אונגאַרישע מדינה איז צופאַלען, געוואָלט זיך אָנשליסען צו דער שווייץ און דע" היינטיגע" עסטרייכישער בונדעס־קאַנצלער ד"ר ענדער האָט דאָס טאַקע געבעטען ביי דער שווייצאַרישער רעגירונג, זיי זאָלען זיך צונעהמען פאָראַרלבערג. ס'איז אָבער געווען איין פעהלער: די שווייץ האָט נישט געוואָלט... זי האָט גע'טענה'ט, זי האָט אייגענע בערג גענוג און בעדאַרף נישט נאָך אַ לענדעל מיט לויטער קבצנים... דער זעלבער ד"ר ענדער פיהרט היינט די ממשלה איבער דעמזעלבען עסטרייך, פון וועלכער ער האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געוואָלט אַנטלויפען.

ד"ר ענדער וועט זיך בקרוב האָבען צו בעשעפטיגען מיט יודען, לויט'ן פרידענס־פערטראַג זענען די יודען אין עסטרייך אַ מינאָריטעט און די רעגירונג מוז פאַר דער מינאָריטעט פערהאַלטען שולען און אַנד. אינסטיטוציעס. עד־היום גיט אָבער די רעגירונג נישט קיין גראָשען פאַר יודישע צוועקען און די איינציגע העברעאישע גימנאַזיע מוז אויסהאַלטען די יודישע קהלה און די יודישע געזעלשאַפט.

מיט אַ צייט צוריק האָט קהל פערלאַנגט פון דער עסטרייכישער רעגירונג, זי זאָל די יודען געבען סובווענציעס צו דערהאַלטען זייערע אינסטיטוציעס, לויט דעם פּראָצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג און זייערע שטייערן. די נייע רעגירונג וועט איצט מוזען געבען אַ קלאָרען ענטפער אויף די פאָדערונגען פון דער יודישער קהלה.

ז. האַבער.

נישט דאס איז דער וועג

צוויי גרויסע אייראָפּעאישע מלוכות, איטאַליען און דייטשלאַנד, זענען כמעט גלייכצייטיג צוגעטראָטען צו אַן'אַקציע אויף גענעראַלען אופן צו רעדוצירען די פּרייזען. עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז אַזוי ווי די הורט־פּרייזען זענען רעדוצירט געוואָרען, זאָלען ענטשפּרעכענד דערצו פערקלענערט ווערען אויך די דעטאַל־פּרייזען, ווייל די דעטאַל־פּרייזען זענען עס די, וועלכע דעצידירען וועגען די הוצאות און די בעדערפענישען פון די ברייטע בעפעלקערונגס־שיכטען.

די איטאַליענישע רעגירונג האָט פשוט געצוואונגען די סוחרים צו פערקלענערען די פּרייזען פון די סחורות אויף 12 פּראָצענט, דעסטגלייכען די ווירטסלייט דאָס דירה־געלד און, פעררופענדיג אויף דעם, האָט זי רעדוצירט די לוינען פון די אַרבייטער און אָנגעשטעלטע אין די מלוכה־אונטערנעהמונגען אויך אויף 12 פּראָצענט.

די דאָזיגע פּלאַנמעסיגע אַקציע, וואָס געהט פון אויבען, האָט אַרויסגערופען אַ פּראָאינטערעסירונג אויך אין אַנדערע לענדער, וועלכע ליידען פון קריזיס. אויך אין פּוילען איז פערהאַן אַ טענדענץ נאָכצומאַכען דעם עקספּערימענט אין דער פאָרם פון אַ רעגירונגס־אינטערווענץ. עס שטעהט אַלזאָ די פראַגע וועגען דער צוועקמעסיגקייט פון אַזאַ אַקציע און וועגען איהר עווענטועלען איינפלוס אויפ'ן קאַמף געגען קריזיס.

אויף וויפיל עס האַנדעלט זיך וועגען די פערהעלטענישען אין לאַנד גופא, וואָלט אַזאַ אַלגעמיינע רעדוקציע פון די פּרייזען און לוינען געבליבען אָהן השפעה, נאַטירליך ווען זי איז ווירקליך אַן'אַלגעמיינע, ווייל וויפיל דער בירגער וואָלט געוואונען פון די פערקלענערטע סחורות־פּרייזען, וואָלט ער פערלוירען אויף דער פערקלענערונג פון זיינע פערדינסטען. דער עפעקט פון דער אַקציע קאָן זיך אויסדריקען אויף דרויסען, דערמיט, וואָס די ביליגערע לאַנד־סחורות וואָלטען געקאָנט קאָנקורירען אויף די אויסלענדישע מערק, און דערמיט וואָלט געשטיגען דער עקספּאָרט און די אינערליכע פּראָדוקציע, אָבער אויך דאָס איז פּראָבלעמאַטיש. ווייל אויב אַלע לענדער זאָלען געהען אויף דעם זעלבען וועג, דאַן וועט דאָס מיטעל פערלירען זיין פעולה, ווייל די פּרייזען וועלען זיך ווידער אויסגלייכען.

אַזוי אַרום ווייזט זיך אויס, אַז אַ צוואַנגס־רעדוקציע פון די פּרייזען וועט ברענגען קנאַפּע רעזולטאַטען, און דער ענטגילטיגער עפעקט וועט נישט בערעכטיגען דעם דרוק און אַזוי צו זאָגען טעראָר, וואָס וועט דערביי אָנגעווענדט ווערען. ביי אונז הערען זיך שטימען, אַז די רעגירונג זאָל קודם־כל אויסאיבען איהר דרוק אויפ'ן האַנדעל, דערביי זאָל אַפילו אָנגעווענדט ווערען דאָס געזעץ וועגען ליכוף. דאָס וואָלט געווען אַ נייער סטאַטיסטישער עקספּערימענט, וועלכען די האַנדעלס־ספערען, וואָס ליידען אַזוי אויך פון דער שווערער שטייער־לאַסט, וואָלטען בעזונדערס געמוזט פיהלען.

די רעדוקציע פון די דעטאַל־פּרייזען איז זעהר געוואונשען און אַפילו אונבעדינגט נויטיג פאַר דער געזונדמאַכונג פון קרענקליכען ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזם. אָבער די רעדוקציע מוז קומען אַליין פון זיך. דורך אויטאָמאַטישער זעלבסט־רעגולירונג פון ווירטשאַפטליכען לעבען און מוז קומען גלייכצייטיג מיט דער פערקלענערונג פון די לאַסטען, וואָס ליגען אויפ'ן האַנדעל, ד. ה. מיט דער פערקלענערונג פון די שטייערן, באַהן־טאַריפען א. אַז. וו. נאָר אַזאַ אָרגאַנישע, נאַטירליכע פּרייזען־רעדוקציע קאָן ווירקען פּאָזיטיוו אויף דער אויפלעבונג פון דער ווירטשאַפט; דאָס קאָן אָבער נישט דערגרייכט ווערען אויף אַ צוואַנגס־אופן, דורך אַ בעפעהל פון אויבען.

נ. ד.

—=][:0:][=—

א גרויסע אויפקלערונגס- און ווערביר-ארבייט
זלמן רייזען וועגען דער אקציע פאר'ן יוו"א אין אמעריקא

קיין ווילנע איז צוריקגעקומען פון אַ לענגערן בעזוך אין אַמעריקע זלמן רייזען. וועלכער האָט דאָרט געפיהרט אַ גרויסע אַקציע פאַר דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט.

די אַקציע פאַר דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט — דערצעהלט דער גאַסט — קען אין די בעדינגונגען, אין וועלכע איך האָב געטראָפען אַמעריקע, בעצייכענט ווערען אַלס ערפאָלגרייכע. איך האָב כמעט אין אַלע דערמאָהנטע שטעט דורכגעפיהרט אַקציעס, כמעט אומעטום האָב איך געטראָפען פריינד פון אונזער זאַך. דער קרייז פון אונזערע פריינד און סימפּאַטיקער, וועלכער געהט צו ליב די ספּעציפישע אַמעריקאַנער פערהעלטענישען נישט אַריבער די גרענעצען פון געוויסע געזעלשאַפטליכע שיכטען, האָט זיך פערברייטערט. ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרען אַ בעדייטענדיגע אויפקלערונגס־ און ווערביר־אַרבייט. שווערער איז צו טרעפען דעם וועג צו דעם מוח פון יודישען מולטי־גביר, אָבער אויך דאָ עפענען זיך מעגליכקייטען און זיי וועלען ווערען אויסגענוצט. די טעטיקייט און די אַרבייטען פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט האָבען אויף אייניגע געמאַכט אַ רושם.

וואָס איז שייך די פּערספּעקטיוון פון אַ גרויסער קולטור־בעוועגונג אין דער גרויסער טראַנסאַטלאַנטישער רעפּובליק און אין קאַנאַדע — האָט רייזען ווייטער ערקלערט — דאַרף מען נעהמען אין אַכט די נייע עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פערהעלטענישען אין אַמעריקע. נאָך דעם גרויסען גאָלד־פיבער, נאָך דעם גרויסען פעריאָד פון אויפבוי און אינוועסטיציע, איז אַריינגעטראָטען אַ געוויסע בעסע אין טעמפּאָ פון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט, דאָס האָט אַגב אורחא זיך אויך אָפּגערופען אויף דער אַקציע פאַר'ן יוו"א. די יודישע ישובים שטיקען זיך אַליין אונטער דער מאַסע פון די אייגענע מוסדות און אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען פאַר ביליג געלד אין די פעטע יאָהרען און איצט מוז מען זיי אויסהאַלטען מיט אַלע זייערע שווערע הוצאות. גלייכצייטיג, איז פאָרגעקומען אַן'ענדערונג אין דער פּסיכיק פונ'ם אַמעריקאַנער: דאָס אַלץ פערשלינגענדיגע טעמפּאָ פון אַמעריקאַנער לעבען האָט שוין אויפגעהערט צו זיין דער שמעלצטאָפּ, אין וועלכען עס פלעגען צוגעהן פעלקער און קולטורען. אין דעם אָפּגעהאַלטענעם שטראָם פון פעלקער־וואַנדערונג איז פאָרגעקומען אַ געוויסע קריסטאַליזירונג פון דעם דאָזיגען עירוב־רב און ס'איז איצט דאָ אַן'אָרט פאַר אַן'ענטוויקלונג און אפשר אויך אויפבליה פון די נאַציאָנאַלע אייגענאַרטען. דאָס האָט אויך אָנגעהויבען צו אָנערקענען די בעסערע אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. ס'פאָדערט זיך בלויז אַן'אָרגאַניזירענדיגע קראַפט און דאָס איז ביי דער איצטיגער צעריסענקייט אין דער אַמעריקאַנער יודישער בעוועגונג, צום בעדויערן, זעהר אַ שווערע אויפגאַבע, וועלכע פאָדערט אַ סך אָנשטרענגונגען.

דאס מערקווירדיגע לעבען און די פערזענליכקייט
פון פערשטאָרבענעם וועלט-בעריהמטען יודישען אויגען-דאָקטאָר

אין ווין איז געשטאָרבען אין עלטער פון 79 יאָהר דער וועלט־בעריהמטער יודישער אויגען־דאָקטאָר ערנסט פוקס. ער איז געווען דער גרעסטער אויגען־דאָקטאָר פון אונזער צייט. ער האָט אָנגעשריבען הונדערטער וויסענשאַפטליכע ווערק, און ענטדעקט אַ גאַנצע רייהע אויגען־קראַנקהייטען, וואָס ווערען אָנגערופען אויף זיין נאָמען. אין דעם רוב אוניווערזיטעטען פון דער גאַנצער וועלט, ווערט אונטעריכטעט לויט זיינע לערן־ביכער. וואָס זענען אויך איבערזעצט אויף כינעזיש און יאַפּאַניש.

זיין לעבען איז געווען מערקווירדיג. ער איז געבוירען געוואָרען ביי רייכע עלטערן, גוט־בעזיצער. ער איז געווען אַן'עילוי. שוין אַלס יונגער־מאַן האָט ער אַרויסגעוויזען גאונישע פעהיגקייטען. אין עלטער פון 33 יאָהר, איז ער געווען פּראָפעסאָר אין ווין.

זיין פּאָפּולאַריטעט איז אומגעהויער געוואַקסען, זיין אויפנאַהמס־צימער איז געווען אַ לעבעדיגער מוזיי פון פערשידענע פעלקער. מען איז געקומען צו איהם אַפילו פון כינע און פערסיען. איבערהויפט זענען צו איהם געקומען טויזענדער יודען פון אַלע עקען רוסלאַנד.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך מיט אַ כיוון אויסגעלערענט יודיש, כדי זיך צו פערשטענדיגען מיט זיינע פּאַציענטען פון פּוילען.

נישט איינמאָל האָט געטראָפען, אַז אַ מלך האָט איהם גערופען אין קעניגליכען הויף; ער איז געווען דער הויף־דאָקטאָר פון אַלע קאַליפען און מאַהאַראַדזשאַס; וואָרום אין אָריענט זענען אויגען־קראַנקהייטען שטאַרק פערשפּרייט. אַ דאַנק זיין אומגעהויערער פּראַקטיק און אויסערגעוועהנליכער פּאָפּולאַריטעט איז ער געוואָרען זעהר רייך. ער האָט געוואוינט אין ווין אין אַ פּאַלאַץ. און אין דער פרייער צייט האָט ער זיך פערנומען מיט מוזיק, וואו ער האָט אויך אַרויסגעוויזען נישט דורכשניטליכע פעהיגקייטען.

אין ווין איז ער געווען פון די פּאָפּולערסטע געשטאַלטען. ער איז געווען הויך, שלאַנק, מיט אַ לאַנגער גראָהער באָרד, וואָס האָט זיך געכוואַליעט ביז די לענדען.

צו זיינע סטודענטען איז ער געווען זעהר שטרענג. ער פלעגט זאָגען, אַז די בעהאַנדלונג פון אַן'אויג איז אַ זעהר פעראַנטוואָרטליכע זאַך, און זעלטען פלעגט ער געבען אַ יונגען סטודענטעל „סמיכה".

אין יאָהר 1915 האָט ערנסט פוקס, צו דער גרעסטער פערוואונדערונג פון זיינע פריינד, געוואָרפען די פּראָפעסור. ער האָט זיך אויך צוריקגעצויגען פון זיין פּראַקטיק, און שוין אַ באַיאָרסטער מענש, אויף דער עלטער, אונטערגענומען אַ רייזע אַרום דער וועלט. ער איז געווען אין אַמעריקע, יאַפּאַן, כינע, פערסיען, און אומעטום געהאַלטען וויסענשאַפטליכע פאָרטראַגען. אין שפּאַניען האָט ער געהאַלטען אַ לעקציע אויף שפּאַניש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערענט אויף דער רייזע. אין יאָהר 1929 האָט ער זיך געלאָזט אויף אַ רייזע קיין בראַזיליען און פּאַראַגוואַי און דער אַלטיטשקער האָט נאָך גע'חלומ'ט וועגען פאָהרען קיין אויסטראַליען.

דאָס לעצטע יאָהר האָט ער פערבראַכט אין זיין גוט אין קריצענדאָרף — און עס פלעגען צו איהם כסדר עולה רגל זיין דאָקטוירים, איבערהויפט פון אַמעריקע.

פּראָפעסאָר ערנסט פוקס איז געווען אַ יוד, אָבער אין ד'נעקראָלאָגען אין דער ווינער פּרעסע איז אָנגעוויזען, אַז דער פּראָפעסאָר ווערט געבראַכט צו קבורה אויפ'ן קריסטליכען בית־עולם, און אַ גאָטעס־דינסט — ווערט אָפּגעריכט אין אַ קריסטליכער קירך. נישט אויסגעשלאָסען, אַז די נאָהענטע קרובים האָבען איהם שוין אויפ'ן טויטען־בעט אָפּגעשמד'ט. ערנסט פוקס בלייבט דאָך איינער פון די אויסדרוקען פון דער יודישער געניאַליטעט. ער האָט טויזענדער מענשען אָפּגעראַטעוועט פון זייערער בלינדקייט, — און געהאָלפען פערשפּרייטען ליכט אין דער וועלט.

מיר וועלען קיינמאל נישט אקצעפטירען דאס „ווייס-בוך"
רעדע פון ד"ר ווייצמאַן אין אקספארד

לאָנדאָן, (יט"א) אין קלוב פון די ליבעראַלען אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט האָט דער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד"ר חיים ווייצמאַן געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען ציוניסטישע פּראָבלעמען. ד"ר ווייצמאַן האָט אין זיין רעפעראַט צווישען אַנד. געזאָגט: מיר וועלען קיינמאָל נישט אַקצעפּטירען דאָס ווייס־בוך פון דער ענגלישער רעגירונג און מיר וועלען טון אַלעס, וואָס איז אין אונזער כוח, כדי נישט צו דערלאָזען צו אַ געזעצליכער רעאַליזירונג פון ווייס־בוך. די ענגלישע רעגירונג שטיצט זיך אויף די אַראַבער, מאַסענדיג בעמיהונגען אונז בעגרעניצען אין אונזערע רעכט. עס איז אַן'אומרעכט צו מאַכען אָפּהענגיג די יודישע אימיגראַציע פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט צווישען ד'אַראַבער. די יודען שאַפען אין ארץ־ישראל נייע אַרבייטס־מעגליכקייטען און שליסען נישט אַרויס די אַראַבער. די יודישע נאַציאָנאַלע היים קאָן געבויט ווערען, נישט ברענגענדיג וועלכען עס איז שאָדען דער אַראַבישער בעפעלקערונג.

דער אנטיסעמיטיזם ברענגט שאדען דער מלוכה
רעדע פון דר. עבנער אין רומענישען סענאט

בוקאַרעשט, (יט"א) אין דער דיסקוסיע אין רומענישען סענאַט אַרום דער טראָן־רעדע, האָט צוו. אַנד. גענומען אַ וואָרט דער יודישער סענאַטאָר ד"ר מאיר עבנער, וועלכער האָט אין אַ גלענצענדער רעדע געגעבען א בילד פון איצטיגען ווירטשאַפטליכען קריזיס און פון דער יודישער לאַגע אין לאַנד.

דער אַנטיסעמיטיזם — האָט ערקלערט סענאַטאָר עבנער — האָט געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל אין אונטערגראַבען דעם צוטרוי צו רומעניען אין אויסלאַנד. די טובה פון דער מלוכה פאָדערט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל בעקומען אַ סוף־קלאַפּ. אין רומעניען אָבער ווערען אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרען פריי־געשפּראָכען דורך די געריכטען.

דער אופן, ווי אַזוי די יודישע בעפעלקערונג ווערט בעהאַנדעלט איז דער באַראָמעטער צי אין דעם געגעבענעם לאַנד ווערען אָפּגעהיטען די געזעצען. אויב דער דאָזיגער באַראָמעטער איז פאַר רומעניען אַ נישט־גינסטיגער, איז דערין שולדיג ד'ירעגירונג און נישט די יודען.

מיר האָבען געלעגט גרויסע האָפנונגען אויף דער רעגירונג פון די נאַציאָנאַלע צאַראַניסטען, אָבער שוין אין זומער 1929 זענען פאָרגעקומען אַנטי־יודישע אונרוהען, וועלכע האָבען זיך וואָס אַמאָל מעהר פערשאַרפט.

די געשעהענישען אין באָרשאַ רופען אַרויס אַ גרויזאַמקייט. די יודען אין באַלאַצאַנו און סוטשאַווא זענען געמאַרטען פּאָגראָמירט און נישט בעקומען קיין גראָשען ענטשעדיגונג. די רעגירונג האָט מאָדיפיצירט דעם קהלות־געזעץ אויף אַן'אופן, וואָס איז פאַר די יודען זעהר נישט גינסטיג. שולען פאַר יודישע קינדער ווערען נישט געעפענט. די רעגירונגס־סובווענצען פאַר יודישע קהלות זענען געוואָרען רעדוצירט. דער יודישער פּאַרלאַמענטאַרישער קלוב געפינט זיך געצוואונגען אויסצודריקען די אונצופרידענהייטס־געפיהלען פון דער יודישער בעפעלקערונג. די יודישע פּאַרלאַמענטאַריער וועלען אָבער אונטערשטיצען יעדע בעמיהונג, וועלכע האָט דעם ציל אָפּצושוואַכען דעם איצט־הערשענדען אין לאַנד ווירטשאַפטליכען קריזיס און אויפהויבען דעם קולטורעלען און מאַטעריעלען מצב פון דער בעפעלקערונג.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

מיטוואך 10 כ כסלו תרצ"א

דעצעמבער
זון-אויפגאנג 7.15
זון-אונטערגאנג 3.31

אפגעשאפט די אויפזיכט איבער דער פירמע קאראל ט. בוהלע

טעגליכע כראניק פון האנדעלס-געריכט

ישראל יודקאָוויטש און ביירעך אריה פּאַיענצקי (פּיאָטריקאָווער 6) זענען ערקלערט געוואָרען פאַר באַנקראָט.

יודקאָוויטש האָט בעזייטיגט פּאַיענצקין פון איינפלוס אויפ'ן געשעפט, האָט פּיקטיוו פערקויפט די מאַשינען אַ געוויסען מאַלינאָווסקי און פּאַביאַניץ און האָט בכלל אָפּגעשטעלט די צאָהלונגען. די פּראָקוראַטור האָט וועגען דעם פאָראָרדענט אַן אויספאָרשונג.

די פירמע „סטעפאַן און ווערנער" האָט פערלאַנגט, אַז יודקאָוויטש זאָל אַרעסטירט ווערען. דאָס געריכט האָט דעם באַנקראָט-טערמין בעשטימט פון'ם 5 דעצעמבער. יודקאָוויטש און פּאַיענצקי זענען בעשטימט געוואָרען אונטער פּאָליציי-אויפזיכט.

* * *

אין אַפּריל האָט די פירמע קאַראָל ט. בוהלע בעקומען אַ געריכטס-אויפזיכט אויף 3 חדשים און אַ פּראָלאָנגאַציע פון די צאָהלונגען.

נאָכדעם איז די פּראָלאָנגאַציע 2 מאָל פער-לענגערט געוואָרען. אינ'ם ערשט'ן חודש האָט די פירמע בעצאָהלט 1 מיליאָן מיט 200 טויזענד זל. חובות, אינ'ם צווייטען חודש — 535.000 זל. אין דריטען חודש — 234.000 אין פירטען — 134.000 אין פינפטען — 46.000 אין זעקסטען — 126.000 אין אָקטאָבער — 50.000 אַלזאָ צוזאַמען אין די ערשטע 7 חדשים — 2.334.000 זל.

איצט האָט זיך די פירמע געווענדעט אין געריכט און מען האָט אָפּגעשאַפט די געריכטס-אויפזיכט.

ציר־קולאר וועגען פערזיכערונג פון האנדעלס-אגענטען

דאָס אַרבייטס-מיניסטעריום האָט פאַראָנדער-געשיקט אַ צירקולאַר, אין וועלכען עס ווערט פאַר-געשריבען אָפּצוהיטען די פאָלגענדע סעזען, וואָס זענען נוגע דער פערזיכערונג פון די האַנדעלס-אַגענטען, און וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען אויף אַ זיצונג פון אַ צווישען-דעפּאַרטאַמענט-קאָמיסיע

יעדער האַנדעלס-אַגענט, אויב ער זאָל אַפילו בעזיצען סמנים פון אַ זעלבסטשטענדיגען סוחר, דאַרף פערזיכערט ווערען, אויב עס איז קלאָר, אַז פּאַקטיש איז ער בעשעפטיגט ביי אַן אַנדער פערזאָן אַלס גייסטיגער אַרבייטער. אויב ס'ענטשטעהט אַ צווייפעל דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען פאָלגענדע פּרינציפּען: 1) ס'דאַרפען נישט פערזיכערט ווערען פּערזאָנען, וואָס שליסען טראַנזאַקציעס אויף זייער אייגענעם נאָמען פאַר אַנדערע פירמעס אויף זייער רעכנונג; 2) ס'דאַרפען נישט פערזיכערט ווערען פּערזאָנען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט פערמיטלונג ביים שליסען טראַנזאַקציעס פון מאָל צו מאָל; 3) ס'דאַרפען נישט פערזיכערט ווערען האַנדעלס-אַגענטען, וואָס בעזיצען אַן אייגענע פירמע, אָדער אַן אייגענעם האַנדעלס-זיץ-אָרט.

אַלע איבעריגע האַנדעלס-אַגענטען און אַקווי-זיטאָרען, קודם כל די, וואָס האָבען בעשייניגונגען פון קאַמי-וואָיעוואָדען (האַנדעלס-בעפּילמעכטיגטע), וואָס זענען אַרויסגעגעבען דורך דער אינדוסטריע-מאַכט, דאַרפען פערזיכערט ווערען אַלס גייסטיגע אַרבייטער.

האנדווערקער פראטעסטירען געגען העכערען דאס דירה-געלד

(—) אונטערן פאָרזיץ פון פּרנס ראובן האָפּ-מאַן איז אין אייגענעם לאָקאַל (פּאָלודניאָוואַ 4) פאָרגעקומען אַ גרויסער פּראָטעסט-מיטינג פון די לאָדזער יודישע האַנדווערקער געגען פּראָיעקט צו העכערען דאָס דירה-געלד.

דער ערשטער רעדנער פּרנס האָפּמאַן שיל-דערט די גרויזאַמע נויט און פערצווייפלונג, וואָס פייניגט די לעצטע צוויי יאָהר דעם כלל יודען. בעזונדערס אָבער האָט דער שאַרפער קריזיס גע-טראָפען דעם גרעסטען רוב פון יודישען מיטעל-שטאַנד — די יודישע האַנדווערקער. די האַנדווער-קער-וואַרשטאַטען זענען חרוב, די יודישע בעלי-מלאכות זענען רואינירט געוואָרען צוליב אַרבייטס-לאָזיגקייט, אונצעהליגע הונדערטער יודישע פּאַמ-ליעס אין לאָדז וואַלגערן זיך ביים היינטיגען טאָג מיט זייערע פאַמיליעס אין ענגע, דושנע שטיב-לעך, ווייל זיי האָבען נישט געהאַט צו צאָהלען דירה-געלד פאַר גרעסערע וואוינונגען. פון וועלכע זיי זענען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען. דער לעצטער טויט-קלאַפּ פאַר יודישען אַרבייטס-מענש איז דער פּרוב צו העכערען דאָס דירה-געלד פון זיין אומ-בעקוועמער וואוינונג, אין וועלכער ער געפינט זיך אַזוי אויך אין אַ הונגער. לאַגע ס'טאָר בשום אופן נישט דערלאָזט ווערען, אַז אַזאַ פּראָיעקט זאָל פערווירקליכט ווערען.

אַרכיטעקט מאַרק פיין ערגענצט דאָס בילד פון פערלוירענקייט און האָפנונגסלאָזיגקייט פון יו-דישען בעל-מלאכה, וועלכער קרעכצט אונטער דער לאַסט פון נויט. ס'איז אַן אומזין צוגלויבען, אַז דאָס העכערען דירה-געלד אין אַזאַ צייט וואָלט געווען דורכפיהרבאַר. עס איז אמת, אַז מען דאַרף בויען ביליגע וואוינונגס-הייזער, אָבער אין דעם ליים און צעמענט פון די דאָזיגע בנינים טאָר נישט איינגעקנעטען ווערען דאָס בלוט און די טרערען פון שמאַכטענדיגע אָרימע מאַסען, וועלכע ווי-לען אַרבייטען און לעבען, און זיי האָבען נישט קיין מעגליכקייטען נישט אויף דעם און נישט אויפ'ן צווייטען.

אינזש. זשעלינסקי רופט דעם כלל האַנדווער-קער צו פּראָטעסטירען געגען פּרוב זיי אַרויסצו-טרייבען מיט די ווייבער און קינדער פון די ווינק-לען, אין וועלכע זיי האָבען איצט נאָך דעם קאָפּ אָנידערצוליגען, אויב מ'זאָל העכערען דאָס דירה געלד, און דערצו נאָך פערשאַרפען דעם סיסטעם פון אַרויסגעבען עקסמיסיעס, וועט זיכער זיך אָנ-הויבען אַ מבול פון עקסמיסיעס, און די ערשטע קרבנות וועלען געוויס נישט אויסמיידען די האַנד-ווערקער-מחנה.

נאָכדעם ווי אַדוו. אַפּט בעקענט די אָנוועזענדע מיט אַלע איינצעלהייטען פון די פערשידענע פּראָ-יעקטען צו העכערען דאָס דירה-געלד, ווערט אָנ-גענומען אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע געגען די שטרעב-ונגען צו העכערען דאָס דירה-געלד.

אפערע מיט מאטורע-צייגענישען

נעכטען איז פארגעקומען דער ערשטער פראצעס

(2) אין מיליטערישען קרייז-געריכט איז נעכ-טען פאָרגעקומען דער ערשטער פּראָצעס פון דער סענסאַציאָנעלער אַפערע מיט מאַטורע-צייגנישען, וואָס איז בשעתו ענטדעקט געוואָרען אין לאָדז.

געמשפּט געוואָרען איז דער פּאָרוטשניק אַנטאָ-ני בערנאַטשעק, וועלכער האָט ביים נאָמינירען איהם אַלס פּאָדפּאָרוטשניק צוגעשטעלט אַ פאַלשע מאַטורע-צייגניש, פון גימנאַזיום אויפ'ן נאָמען פון קאָכאַנאָווסקי אין ראַדאָם. בערנאַטשעק איז אין יאָהר 1914 אַריינגעטראָטען אין די לעגיאָנען אין יאָהר 1918 איז ער אַריינגעטראָטען אין פּוילישען מיליטער און אין 1920 יאָהר האָט ער בעקומען די ראַנגע פון אַ פּאָדפּאָרוטשניק. און איז אַריבער אין זשאַנדאַרמעריע. אַזוי ווי ער האָט געענדיגט בלויז 1 גימנאַזיאַל-קלאַס האָט ער זיך געלאָזט אָנרעדען פון זיינע בעקאַנטע און זיך פערשאַפט אַ פאַלשע מאַטורע-צייגניש, כדי אַזוי-אַרום צו קענען אַוואַנסירען אויף אָפיציר. אַזוי-ווי זיינע בעקאַנטע האָבען גע-וואוסט, אַז ער בעזיצט נישט קיין בילדונג, האָט ער פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער שטודירט, בכדי זיך צו עקזאַמענירען אַלס עקסטערן און גענומען אורלויב אויף עטליכע טעג כלומרשט, כדי צו פאָה-רען קיין ראַדאָם זיך צו עקזאַמענירען.

דעם אורלויב האָט ער פערבראַכט אין לאָדז ביי זיין פרוי און מוטער. קומענדיג קיין טאָרן האָט בערנאַטשעק צוגעשטעלט אַן אָפּשריפט פון זיין מאַ-טורע און די לייטונג האָט איבערגעשיקט דורכ'ן ד.אָ.ק. אין מיניסטעריום אַ פאָרשלאַג וועגען בע-שטימען בערנאַטשעק'ן אַלס פּאָדפּאָרוטשניק.

וועגען דער גאַנצער אַפערע האָט געוואוסט בערנאַטשעקס אַ בעקאַנטער לענצקי, וועלכער איז געווען בייז אויף איהם און האָט וועגען דעם מיט-געטיילט דער זשאַנדאַרמעריע. ווען די זשאַנדאַר-מעריע האָט פעסטגעשטעלט דעם גאַנצען ענין, איז געגען בערנאַטשעק'ן פערפיהרט געוואָרען אַ פּראָ-צעס. אויפ'ן פּראָצעס האָט זיך בערנאַטשעק אין אַלעם מודה געווען.

די פערטיידיגונג האָט געבעטען צו נעהמען אין אַכט בערנאַטשעק'ס פערדינסטען בעת'ן קריג. דאָס געריכט האָט איהם פערמשפּט אויף צו דער-ווייטערן איהם פון אָפיצירען-קאָרפּוס און אויף 7 חדשים תפיסה.

דער פּראָצעס געגען אַ רייה סטודענטען און פערמישטע אין דער אַפערע וועט פאָרקומען אָנ-הויב פעברואַר אין היגען קרייז-געריכט. ס'וועלען געמשפּט ווערען 23 פּערזאָן.

אפטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(ב) קאַפּראָווסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15), טראַוו-קאָווסקי (בזשעזשינער 56), ראָזענבלום (ציגעל-גאַס 12), בערטאַשעוסקי (פּיעטרקאָווער 95), קלופּט (קאָנטנע 54), טשינסקי (ראָקיטשינסקאַ 53).

יודיש טעאטער „פילהארמאניע" נאַרוטאָוויטש 20

נאָר 10 גאַסטשפּילען פון בעריהמטען אַרטיסט פון סטאַניסלאַוו סקי'ס קונסט-טעאַטער אין מאָסקווע, פּיסקאַטאָר-טעאַטער אין בערלין

פּאָול באַראַטאָוו

היינט מיטוואָך, דעם 10 דעצ., 9 אָוונד ביליגע פּרייזען פון 80 גר. אָן

„דער פרעמדער"

דראַמע אין 4 אַקטען פון י. גאָרדין. הויפּט-ראָל „דער פרעמדער" פּאַול באַראַטאָוו

פרייטאָג, דעם 12 דעצעמבער 9 אָוונד פרעמיערע!!!

„אייקערע מוזיק"

טראַגי-קאָמעדיע אין 3 אַקטען מיט פּראָלאָג. הויפּט-ראָל „אייקעלע מוזיק" פּ. באַראַטאָוו

עס נעהמען אנטייל פרויען: מ. ראָזען, ס. פלאַום, י. פלאום, ס. פּאָזנאַנסקאַ. מענער: ת. בראַקאַרזש, מ. גורוויטש, י. גרינהויז, י. ווייַנבערג, מ. מעלמאַן מ. פּאָזנאַנסקי, א. קורץ, ה. פלוים. סופלאָר מ. אייזענבערג בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון „פילהאַרמאָניע".

ארום דער פייערונג

פון אויפדעקען דעם קאָשטשושקאַ-דענקמאל

(אַ) אַלע פעראיינען און אינסטיטוציעס, וואָס ווילען אָנטיילנעהמען אין דער פייערונג פון דער ענטהילונג פונ'ם קאָשטשושקאָ-דענקמאָל, וועלכע וועט פאָרקומען זונטאָג, ד. 14 דעצעמבער דאַרפען היינט וועגען דעם מיטטיילען דעם מאַגיסטראַט (פּרעזידיאַל אָפּטיילונג). אין דער מיטטיילונג דאַרף זיין אָנגעגעבען דער נאָמען פון פערעין און די צאָהל מיטגלידער, וואָס ווילען אָנטיילנעהמען אין דער דעלעגאַציע.

א כאַנקע איז די שטעטישע פרעבעל-שולען

(מ) אויף ווייַנאַכט'ן האָט דער מאַגיסטראַט בעשלאָסען איינצואָרדנען אַ כאַנקע פאַר די קינ-דער פון די פרעבעל-שולען, די קינדער וועלען בעקומען נאַשוואַרג און קליינע מתנות.

ביליגער געוואָרען דער אפצאָהל אין די שטעטישע בעדער

דער מאַגיסטראַט האָט בעשלאָסען צו פער-ביליגערען דעם אָפּצאָהל-טאַריף אין די שטעטישע בעדער אויף וואָדנאַ 25 און אויף מלעטשאַרסקי (שקאַלנאַ) 11.

משה סטאוואסקי קומט קיין לאדז

דער בעריהמטער יודישער שריפטשטעלער משה סטאַווסקי, וועלכער וואוינט אין א"י ווייַלט איצט אין פוילען.

ווי מיר דערוויסען זיך, זאָל ער אין די נאָהנטסטע טעג קומען קיין לאָדז.

זיינע פערעהרער און פריינד גרייטען זיך איהם אויפצונעמען און איינאָרדנען פאַר איהם אַ פייערליכען קבלת פנים.

אנטי-שווינדזוכט-טעג

היינט וועט אין לאָקאַל פון די אָנגעשטעלטע אין טאַבאַק-מאָנאָפּאָל (קאָפּערניק 62) פאָרקומען אַ פאָרלעזונג פון ד"ר שוועטליק וועגען שווינדזוכט נאָך דער פאָרלעזונג וועט דעמאָנסטרירט ווערען אַ פילם וועגען שווינדזוכט.

פון הילפס-פעראיין „תומכי אורחים"

בכדי צו פערשטאַרקען די פינאַנץ-מיטלען פון פעראיין „תומכי אורחים" ווערט דעם קומענדיקען זונטאָג (1-טער טאָג חנוכה) איינגעאָרדנעט אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג מיט דער בעטייליגונג פון די בעסטע יודישע אַרטיסטען דערונטער דער בעריהמ-טער אַרטיסט ה' ד"ר פּאָול באַראַטאָוו. געשפּילט וועט ווערען די נייעסטע פרעמיערע „אייקעלע מוזיק"

היינט און פאלג. טעג!
גרעסטער רוסישער קלאנג-פילם
רעזשי — STRZYZEWSKI
„טראיקא"
אין די הויפּט-ראָלען:
OLGA CZECHOWA,
HANS SCHLETTOW
אין בילד ווערט געזינגען דאָס ליד
„Hajda Trojka śnieg puszysty"...
אויסער'ן פּראָגראַם:
רעוועלאַציע-קלאנג-צונאבען
אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 4 נאָכמיטאָג שבת, זונטאָג און יום-טוב 12 אַ זייגער בייטאָג.
פּאָפּולערע פּרייזען.

ארום דעם גראנדיעזען חנוכה-באזאר פון „וויזא"

הי עס איז געווען פאראויסצוזעהן, האט דער חנוכה-באזאר, וועלכער ווערט איינגעארדענט דורך דעם פרויען פערבאנד „וויזא" פון 13—22 ה. ח. ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג צווישען אלע שיכטען פון דער היגער באפעלקערונג שוין דערפאר, וואס דאס איז דער איינציגער טראדיציאנעלער יודישער באזאר אין אז זער שטאט.

די חפצים-זאמלונג ווערט ווייטער געפיהרט דורך די פרויען פון „וויזא", וועלכע ברענגען יעדען טאג נייע ווערטפולע חפצים אלס שפענדען פון די היגע יודישע און נישט-יודישע סוחר'שע קרייזען.

די טעכנישע פארבערייטונגען צום באזאר ווערען געפיהרט אין א זעהר שנעלען טעמפא און עס ווערען געמאכט אלע מעגליכע אנשטרענגונגען, אז דער באזאר זאל אדורך מיט א געהעריגען ערפאלג.

א קאנצערט
פון דוד הערמאן, יוסף קאמען און דינה קעניג

לאדז האט איצט א געלעגענהייט צו האבען דעם שבת נאר איין איינציגען קאנצערט פון יודישען ווארט.

ס'וועט ארויסטרעטען דער קינסטלער – דריילינג, דוד הערמאן דער בעריהמטער רעזשיסער און אינסצעניזאטאר. יוסף קאמען דער הויפט-ארטיסט פון דער ווילנער-טרופע דער ליבלינג פון לאדז, און דינה קעניג ארטיסטקע פון דער ווילנער טרופע. . .

יעדער בעזוכער פון קאנצערט וועט האבען די געלעגענהייט צו פערברענגען עטליכע אנגענעמע שעה.

טראמוואי פארט אריין אין א מיטינג
דער אויפגעבראכטער המון וויל לינטשען דעם וואגאן-פיהרער

(2) צווישען דעם מאגיסטראט פון רודא-פאביאניץ און דער דירעקציע פון די צופאהר-טראמוואיען עקזיסטירט שוין לאנג א סכסוך, דער מאגיסטראט האט איינגעפיהרט אנ'אויטאבוס-קאמוניקאציע צווישען רודא און לאדז. דער טאריף איז געווען א קלענערער, ווי אויף די צופאהר-טראמוואיען. און די צופאהר-טראמוואיען האבען דערפון שטארק געליטען. די אויטאבוסען פלעגען זיך אפשטעלען אויף ריימאנט-פלאץ. דערווייל האט די שטעטישע סטאראסטווע אין לאדז פעראָרדענט אז די אויטאבוסען זאלען זיך אפשטעלען אויף דער אויטאבוסען-סטאציע אויף דער וואלטשאנסקא גאס. די דאזיגע סטאציע איז זעהר נישט בעקוועם פאר די רייזענדע און די אויטאבוסען האבען דעריבער אויפגעהערט צו קורסירען.

אין שטאט האלט מען, אז די פעראָרדנונג פון דער לאדזער סטאראסטווע איז ערשינען לויט די בעמיהונגען פון דער צופאהר – טראמוואי – געזעלשאפט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז נעכטען אין רודא פאביאניץ פארגעקומען א מיטינג. צו וועלכען ס'זענען געקומען ביז דריי טויזענד מאן. נאכדעם ווי דער בורמיסטוש האט איבערגעגעבען דעם פערלויף פון דער זאך, איז אנגענומען געווארען א פראטעסט-רעזאלוציע און ס'איז בעשלאסען געווארען ארויסצוגעהן אויף דעם וועג. צו מארשירען און נישט לאזען קורסירען די טראמוואיען. ווען ס'איז אנגעפאהרען א טראמוואי-וואגאן האט זיך קיינער פונ'ם דריי-טויזענד קעפיגען עולם, נישט גערירט פון ארט. דער וואגאן-פיהרער האט דעם טראמוואי דאך נישט געוואלט אפשטעלען, דאן האבען די מאניפעסטאנטען דעם וואגאן בעווארפען מיט שטיינער, און אויסגעהאקט אלע שויבען. אזוי אז דער וואגאן האט זיך געמוזט אפשטעלען. דער המון האט דעם מאשיניסט ארויסגעצויגען פון טראמוואי און איהם געוואלט לינטשען. דערווייל איז אנגעקומען א פאליציי-אפטיילונג און איהם איז געלונגען צו בערוהיגען דעם המון און צוריקשטעלען די ארדנונג.

די קאמוניקאציע איז געווען איבערגעריסען איבער א שעה צייט.

ווי מ'גיט איבער, זאל א דעלעגאציע פון רודא-פאביאניץ היינטיגע וואך ארויספאהרען קיין ווארשא, כדי זיך צו בעמיהען אין אינערן-מיניסטעריום, אז ס'זאל צוריקגעשטעלט ווערען די פריהערדיגע ארדנונג ביים קורסירען פון די אויטאבוסען.

דער ענין איז אריבער
פון האנדעלס-געריכט אין קרימינאל-געריכט

(א) אין נאוועמבער 1929 איז ערקלערט געווארען אלס באנקראט שמואל זאלצבערג, טריקאטאזש-פאבריק (נאוואמיעסקא 17) דער קוראטאר פון דער באנקראט-מאסע האט פעסטגעשטעלט, אז דער באנקראט איז געווען א בייזוויליגער און האט וועגען דעם מיטגעטיילט דעם האנדעלס-געריכט און דער אויספארשונגס-מאכט. ווען זאלצבערג האט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האט ער ליקווידירט די וואוינונג און איז ארויסגעפאהרען פון לאדז. די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז זאלצבערג האט בעשווינדעלט זיינע קרעדיטארען און זיי ערקלערט, אז ער האט געמאכט שותפות מיט יחיאל בירנבוים און מאיר ציגאמאן און וועט מיט זיי פיהרען א געשעפט אויף נארוטאוויטש 22 ווייטער האט די אויספארשונג פעסטגעשטעלט, אז זאלצבערג האט אפגעמאכט מיט ציגאמאגען, בירנבוים און א געוויסען שלמה ראזשיטשאנסקי (זיינע קרובים), וועלכע האבען אדורכגעפיהרט א ליציטאציע אויף זיינע מאשינען.

נאך זאלצבערג'ן האט מען ארויסגעשיקט שטעק-בריף. אין אפריל האט זיך זאלצבערג מיט זיין פרוי געמאלדען צום אויספארשונגס-ריכטער. ד. יפראקוראטור האט פערפיהרט א פראצעס געגען שמואל זאלצבערג, זיין פרוי עדיטא, מאיר ציגאמאן, יחיאל בירנבוים און שלמה באזשיטשאנסקי און אברהם גרינבערג. צום פראצעס זענען ארויסגערופען געווארען 30 עדות.

Dr. med.
M. LERNER
ספעציאליסט פאר קינדער-קראנקהייטען
זאכאדניא 64, טעל. 113-09
נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.

Dr. med.
B. Robinson
פיעטריקאווער 10, טעל. 131-86

דער גרעסטער חזן
פון אלע צייטען
און דורות
מיט א נאמען פון וועלט-רוהם
מרדכי
הערשמאן
פון אמעריקא
דער אזוי-גערופענער „יודישער קארוזא"
טרעט אויף מיטוואך, דעם 17-טען דעצעמבער, 8.30 אין אווענד
אין „פילהארמאניע"
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.
19878

יוג. ארטיסטען-פארבאנד אין פוילען
דירעקטאריאט
און די פאריינס-מיטגלידער
בעפוילם. דיר. פאר לאדז: שמאק-פערער. לייטער: א. בעזמאן

לאדז. יוד. קאמער-טעאטער
ביילער
„ארדט"
אין ווייסען זאל
מאנוטייפעל זאכאדניא 43
קינסטל. לייטער: משה בראדערזאן.

היינט, מיטוואך — 1 פארשטעלונג
אנהויב 9.15 אין אווענד
פאפולערע פרייזען פון 80 גר. אן
אויפן הימל איר'ד
אין 2 טיילען, 14 בילדער.

נומערן: 1) קלויזניקעס, 2) דאס ליד און די טמד ער' 3) אויפ'ן דארף, 4) שלום-בית, 5) באט-שמענדריק 6) אויפ'ן „דעפאטאק", 7) אויפ'ן הענ קיין בית-לחם, 8) נאך האלבע נאכט, 9) „לאזיסערדאקעס", 10) ביים סאמאוואר, 11) מאנאלאג, 12) הערבסט-טאנגא, 13) יודישע ראפסאדיע, 14) אויפ'ן היטעל א ווידער.

אנסאמבל לויט'ן א. ב. פריען: זיסעל-גירל, מ. דאלקא, לאלא זילבערמאן, שיינע מרים, מאשע פעטערמאן, אלא שליפקאוויטש. מענער שמואליק גאלדשטיין, שמעון דזשיגאן, מאטעל קאן יעקב ריינגלאס, ישראל שומאכער, י. שיפער.

טעקסטען: מ. ביאדערזאן, ל. נארעלמאן, שום גאן, מוזיק: ה. רובין, א. בייגעלמאן און פאלקס-מאטיוען! דעקאראציעס און קאסטיומען: י. ברוינער, טענץ איינגעשטעלט דורך אירענא פרושיצקא. מוזיק-לייטער—ה. רובין, רעזש—דזשיגאן. שומאכער. בינע-אינספעקטאר—מ. קאן, ליכט-עפעקטען—יעראז.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון 11 — 2 בייטאג און פון 5 אוו. שבת און יום-טובים א גאנצען טאג

קופאן
אויף א יורידישער עצה
גילטיג מיטוואך, דעם 10-טען דעצעמבער

א בעקאנטער יוריסט
ערטיילט יורידישע עצות
פון 3 ביז 4 א זייגער נאכמיטאג אין רעדאקציע פון אונזער צייטונג, פיעטריקאווער 21.

אינטערעסאנטען דארפען מיטברענגען דעם קופאן פון „נייעם פאלקסבלאט"
– פון דעם זעלבען טאג. –

א חשובער גאסט—הלל ראגאף אין לאדז

אין לאדז ווייל איצט אין שליחות פון „פארווערטס" דער בעקאנטער זשורנאליסט און שריפטשטעלער ה' הלל ראגאף.

דער חשובער גאסט, וועלכער פערנעמט זיך ספעציעל מיט שטודירען דאס יודישע לעבען אין פוילען וועט ווייטען אין לאדז עטליכע טעג, וואו ער וועט בעזוכען די היגע יודישע אינסטיטוציעס און זיך בעקענען מיט דעם יודישען לעבען און אונזער שטאט.

* * *

דאנערשטאג אווענד קומט פאר אין לאקאל פון ארבייטער-ווינקעל פאלודניאווע 20. א ספעציעלע ארבייטער-פערזאמלונג, אויף וועלכער דער חיוב'ער גאסט וועט אפגעבען א גרוס פון דער יודישער ארבייטער-בעוועגונג אין אמעריקא. די דאזיגע פערזאמלונג האט אין די ארבייטער-קרייזען ארויסגערופען דעם געהעריגען אינטערעס.

דער קאנצערט פון בעריהמטען חזן מרדכי הערשמאן

דער קאנצערט פון בעריהמטען אמעריקאנער חזן מרדכי הערשמאן, וואס קומט פאר מיטוואך, דעם 17-טען ד. ה. אין פילהארמאניע, האט ארויסגערופען ביי דער יודישער בעפעלקערונג א גרויסען אינטערעס, דער בילעטען-פערקויף געהט צו זעהר לעבהאפט.

דער לאדזער יודישער עולם, די טויזענדער ליבהאבער פון יודישע נגינה און תפילות געדענקען הערשמאנען נאך פון יאהרען צוריק, ווען ער האט מיט זיין נגינה בעצויבערט אלע און אלעמען.

ראדיא-פראגראם

מיטוואך ד. 10 דעצעמבער

11,58 צייט-סיגנאל, 12,05 גראמאפאן-פליטען, 13,15 טאג-פראגראם, קינא-און טעאטער-רעפערטואר, 15,35 סקויטען פירטעל-שעה, 15,50 ראדיא-כראניק, 16,15 טראנסמיסיע פון ווילנע קינדער-פראגראם, 16,45 גראמאפאן-פליטען, 17,15 קינדער-היגיענע, 17,45 פאפולערער קאנצערט. 18,45 פערשידענעס, 19,10 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער. פראגראם אויף מארגען. 19,25 גראמאפאן-פליטען, 19,35 ראדיא-זשורנאל, 19,30 גראמאפאן-פליטען, 20,00 ריכער-איבערזיכט, 20,15 פעליעטאן, 20,30 סאליסטען - קאנצערט. בעת דער פויזע ליטעראריש פירטעל שעה, 22,00 פעליעטאן, 22,15 גראמאפאן פליטען, 22,35 קאמוניקאטען, טענץ-מוזיק.

די ברידער-קאמפען אין יאהר 1905 אין לאדז

(16

צום 25-יאהרצייט פון יענע בלוטיגע טעג

ריכליקס באיובקע האט זיך ענערגיש גענומען אויסצוגעפונען דאס ארט, וואו ס'געפינען זיך די ארעסטירטע ,וועלכע זענען דורך דער פאליציי אוועקגעפיהרט געווארען פון שפיטאל. בעזונדערס האט זיך געהאנדעלט וועגען ארויסבעקומען דעם חבר מיקוס, וועלכען ס'האט געדראהט טויט-שטראף פאר דערהרגענען דעם קאלישער זעמסקי נאטשאלניק. אין דער דאזיגער באיובקע האט זיך אויך געפונען פעליקס ברודער, סטעפאן און איינע זעהר אנ'איבערגעגעבענע חברטע מארטא. די לעצטע האט געהאט פאר אנ'אויפגאבע צו געהען אין די „אוכשאסטקעס" (קאמיסאריאטען) און אין די אכראנע און פארזיכטיג ארויסבעקומען דאס ארט, וואו עס געפינען זיך איצט די ארעסטאנטען, אין די קאמיסאריאטען האט זי גערעדט מיט די סטראזשניקעס, זיי פארזיכטיג געפארשט, אבער האט זיך גארנישט דערוואוסט .

צום סוף איז זי אוועק אין דער אכראנע, וועלכע זי האט ביז איצט אויסגעמיטען. דארט האט מען דאך זיכער געדארפט וויסען וואו די ארעסטאנטען געפינען זיך. אין ביורא האט מען איהר אפיציעל גארנישט געענטפערט. זי האט זיך אבער אפגעשטעלט אין קארידאר און זיך אריינגעלאזען אין א שמועס מיט איינעם פון די סטראזשניקעס, דער גאראדאוואי האט גערן מיט איהר גערעדט, האבענדיג פאר זיך א שעהן מיידעל.

— באלד, איך וועל זיך דערמאהנען, האט דער סטראזשניק אביסעל געלאכט, דאס איז געווען אין דער נאכט פון פרייטאג אויף שבת.

— יא, ריכטיג.

— נו, בין איך דאך דארט געווען און געהערט צום קאנוואי פון אלע ארעסטאנטען .מיר האבען זיי אפגעפיהרט אין דער צערקווע אויף יעקאטערינבורסקא גאס.

— נאך וואס עפעס אין דער צערקווע ?

— נו, ווי דען, אזוי יפיל מענשען. מ'האט דאך זיי געדארפט פערטיילען אויף פארטייען און אין שטאט האבען מיר אזא גרויסען לאקאל נישט געהאט.

— און פון דארט וואוהין האט מען זיי צוגענומען ?

— מ'האט זיי פערטיילט אין פארטיעס און צושיקט, עטליכע אין טורמע אויף דלוגע גאס, אנדערע אין ווארשעווער ציטאדעל און נאך אנדערע האט מיטגענומען די אכראנע.

— האט איהר נישט געהערט וועגען נעמען ?

— ניין, פאני, איך האב קיין שום נעמען נישט געהערט און ווען איך וואלט אפילו געהערט וואלט איך אויך נישט געדענקט, אבער וועגען די וואס געפינען זיך אין דער אכראנע, וואלט איך יא געקענט עפעס זאגען...

מארטא האט אריינגעשטעקט דעם סטראזשניק א רובעל אין האנד אריין...

— נו, גוט, נאר נישט דא, דא הערען אפילו די ווענד, אבער נאך 3 שעה געה איך אוועק פון סלוזשבע, ווארט, פאני, אויף מיר פאר'ן ביורא...

דער סטראזשניק האט נישט פערענדיגט דעם זאץ, און איז אוועקגעגאנגען, ווייל דורכ'ן קארידאר זענען אדורכגעגאנגען צוויי ציוויל-מענשען, קענטיג געהיים-אגענטען, וועלכע האבען שטארק נאכגעקוקט מארטא'ן.

מארטא איז ארויסגעגאנגען זי איז געגאנגען פאמעליך, נישט איילענדיג זיך, זי האט דאס געטון אויסגערעכענטערהייד, כדי צו אבסערווירען, צי אימיצער געהט איהר נישט נאך. זי האט זיך אבער איבערצייגט, אז קיינער קוקט איהר נישט נאך, הגם זי האט געוואוסט, אז יעדען איינציגען, וואס געהט ארויס פון דער אכראנע שפירט מען נאך.

דערווייל האט מען זי אבסערווירט דורכ'ן פענסטער, און דווקא ווייל מ'האט בעמערקט, אז מארטא היט זיך פאר עפעס האט מען איהר נאכגעשיקט איינעם פון די יונגע שפיצלעס. מארטא איז צוגעגאנגען צום טויער, ביי וועלכען ס'האט אויף איהר געווארט סטעפאן. זיי האבען גערעדט עטליכע ווערטער און דאן זענען זיי אוועק אין דער ריכטונג פון פיעטריקאווער גאס. דער שפיצעל איז זיי נאכגעגאנגען אויף יעדען טריט.

זיי זענען אריין אין א קליינער צוקערניע אין וועלכער ס'איז אין דער צייט קיינער נישט געווען. זיי האבען זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל, און מארטא האט אפגעגעבען סטעפאנען א בעריכט וועגען דעם געשפרעך וואס זי האט געהאט מיט דעם סטראזשניק. אין דעם מאמענט האט זיך געעפענט די טיר, און ס'איז אריינגעקומען א יונגערמאן, וועלכען סטעפאן האט געקענט אלס אנ'ארבייטער פון קאנ'ס פאבריק, דער ארבייטער האט געהייסען פליסאק. ביי קאנען האט ער נישט מעהר געארבייט און ווי מ'האט דערצעהלט, האט ער בעקומען א פאסטען אלס אגענט אין א לאגער פון ניי-מאשינען.

סטעפאן האט זיך הארציג בעגריסט מיט פליסאק'ן ,ער האט פליסאק'ן פארגעשטעלט די חברטע מארטא און אלע דריי האבען בעשטעלט קאווע, דאס געשפרעך איז געפיהרט געווארען אויף פערשידענע טעמאס, פליסאק האט זיך בעמיהט גאנץ געשיקט א רויפצופיהרען אויף אקטועלע געזעלשאפטליכע פראגען, בעת סטעפאן און מארטא האבען גערעדט וועגען גלייכגילטיגע ענינים.

—וואס האט אייך געבראכט אין אונזערע זייטען, האט פליסאק געפרעגט, ווי איך ווייס וואוינט איהר דאך אין דאמברובקע.

— גלאט אזוי ,ס'איז נישט דא וואס צו טון, שפאצירען מיר, אבער פאר אייך דארף מען דאך גארנישט בעהאלטען, מ'קען אייך דאך דערצעהלען וואס מיר זוכען.

אין דעם מאמענט האט מארטא אונטער'ן טיש אנגעטרעטען סטעפאנען אויפ'ן פוס, סטעפאן האט זיך געכאפט, אז מארטא וויל, אז ער זאל שווייגען, און האט גארנישט מעהר גערעדט. פליסאק האט אבער נישט אפגעלאזען ,ער האט דווקא געוואלט וויסען, וואס פארא געהיימניש זיי האבען.

(פארטזעצונג קומט).

נייער פאלקסבלאט

דער יודישער האנדווערקער

נייער פאלקסבלאט

וועכענטליכע אפטיילונג געווידמעט דער יודישער פּראָדוקטיווער ארבייט

האנדווערקער געהט צו די עקזאַמענס!

דעם 15־טען דעצעמבער ה. י. ענדיגט זיך דער טערמין, נאָך וועלכע אַלע זעלבסטשטענדיגע בעלי־מלאכות פערלירען דאָס רעכט צו האַלטען אויך ווייטער לערן־יונגלעך.

נאָך דעם דאָזיגען טערמין וועלען אַלע האַנד־ווערקער, וועלכע וועלען זיך ביז דעם אויבּיגען טערמין נישט עקזאַמינירען, מוזען אומבעדינגט דערווייטערען פון זייערע וואַרשטאַטען די לערן־יונגלעך.

אַלע בעמיהונגען, אַז דער דאָזיגער טערמין זאָל פערלענגערט ווערען, זענען געבליבען אָהן ערפאָלג.

די סטאַטיסטיק פון דער האַנדווערקער־קאַמער ווייזט אויף, דאָס ביז איצט האָט זעהר אַ קליינע צאָהל האַנדווערקער אָפּגעגעבען דעם עקזאַמען אַלס מייסטער און דער יודישער בעל־מלאכה, טראָץ אַלע אויפפאָדערונגען און אויפרופען מצד דעם האַנד־ווערקער רעפּרעזענטאַנץ, האָט נישט אָפּגעשאַצט די וויכטיגקייט פון דעם מאָמענט און האָט נאָך נישט אויסגענוצט די הנחות.

אמת, דער צעכען־געזעץ איז מסוגל צו רואי־נירען דעם יודישען בעל־מלאכה. ס'איז נישט ריכ־טיג ווען מ'פאָדערט ביי אַן אַלטען אויסגעמאַטער־טען בעל־מלאכה. וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען אָפּגעאַרבייט שווער און ביטער פאַר'ן שטיקעל ברויט, אַז ער זאָל אויף דער עלטער קומען אַרויסנעהמען „בעפעהיגונגס"־צייגענישען.

איצט איז נישט די צייט אויף עקזאַמענס, יעדער בעל־מלאכה קען קוים זיך דורכשלאָגען דעם וועג; יעדע זאַך, וואָס איז נאָך ביי איהם פערבליבען אין שטוב איז אונטערן סעקוועסטער און וואַרט אויף דער „עגלה". אין אַזאַ צייט קומט מען און מען צווינגט דעם קוים זשיפּעדיגען בעל־מלאכה מאַכען שווערע הוצאות אויף זיך צו עק־זאַמינירען. אָבער איצט איז שוין צו שפּעט. דער געזעץ איז שוין אַריין אין קראַפט און ס'לאָזט זיך איהם נישט ענדערען.

מיט פאַקטען מוז מען זיך רעכענען מיט'ן אויסמיידען דעם עקזאַמען שרייבט מען אונ־טער אַ טויט־אורטייל פאַר זיך און פאַר די אייגענע קינדער. מיט'ן אויסמיידען די עקזאַמענס בעגעהט מען אַ שווערע עוולה געגען זיך און דעם יונגען דור האַנדווערקער.

יודישע האַנדווערקער געהט צו די עקזאַמענס, נוצט אויס די הנחה־מעגליכקייטען, כל זמן מ'קאָן עס נאָך!

אַ נמשל.

די יודישע שניידער־שטאט בזשעזשין

צו דער כאַלופּניקעס־אויסשטעלונג אין וואַרשא

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסשטעלונג פון דער כאַלופּניקעס־פּראָדוקציע אין פּוילען, וועלכע ווערט אין יאַנואַר איינגעאָרדענט אין וואַרשא וועט אפשר זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ פּאָר ציפער־ען און אינפאָרמאַציעס וועגען צושטאַנד פון דער כאַלופּניקעס אינדוסטריע אין דער כאַראַקטעריס־טישסטער שטאָט פון אונזער וואָיעוואָדזטווע — אין בזשעזשין.

בזשעזשין אַ שטעטעל מיט אַ בעפעלקערונג פון 17 טויזענד מאַן (פאַר'ן קריג געוועזען ביז 20 טויזענד) לעבט איינגאַנצען פון שניידעריי. די אַר־בייט דאָרט ווערט געפיהרט אויף זעהר אַ ביאייגענ־אַרטיגען אופן. די פּראָדוצענטען ווערען איינגע־טיילט אין 1) מאַגאַזינער־אונטערנעהמער, 2) שניי־דער־אונטערנעמער, 3) כאַלופּניקעס און 4) אַר־בייטער.

בזשעזשין אַרבייט אויס הויפּטזעכליך מענער און קינדער־קאָנפעקציע. די אונטערנעמער (די מאַ־גאַזינערס) געבען אַרויס זייערע מאַטעריאַלען די כאַלופּניקעס און יענע פערטיגען זיי אויס אַליין; אָדער מיט דער הילף פון אַרבייטער. יעדער מאַגאַ־זינער בעשעפטיגט אַזעלכע כאַלופּניקעס פון 5 ביז 20 יעדער, אָפּהענגיג פון דער גרויס פון זייער אונטערנעמונג און פון דער סעזאָן־צייט.

די אַלגעמיינע צאָהל כאַלופּניקעס אין בזשע־זשין איז איבער 400, די אַרבייט איז ספּעציאַליזירט אַזוי אַז ס'עקזיסטירען ספּעציעלע הויזען נעהער, וועסטעל־נעהער, מאַרינאַרקע און פּאַלטאָ־נעהער א. א. וו. פערהאַן אַ גאַנץ קליינע צאָהל שניידער, וואָס נעהען גאַנצע אַנציגער זייער צאָהל דערגרייכט ביז 15, אַ חוץ דעם זענען פערהאַן נאָך אַזעלכע שניידער וואָס אַרבייטען אויס אַנציגע פון זייערע אייגענע סחורות און פערקויפען זיי אויף מערק אָדער פאַר קאָנפעקציאָנערען. זייער צאָהל אין בזשעזשין דערגרייכט ביז 40.

שניידער וואָס נעמען אָן בעשטעלונגען זענען פערהאַן ביז 10 צווישען זיי 2 נישט יודען.

כאַלופּניקעס זענען טיילווייז אָרגאַניזירט אין צעכען. פון זייער צאָהל איבער 400 זענען אין די צעכען אָרגאַניזירט ביז 280 פון דעם 150 מאַרינאַרקע־נייער (135 יודען) הויזען־נייער — 70 (40 יודען), קאַמיזעלקע נייער 60 (אַלע יודען)

די לוינען וואָס די אַרבייטער בעקומען זענען מינימאַלע אַזוי למשל צאָהלען די מאַגאַזינערס פאַר אויפנעהען אַ פּאָר הויזען פון 63 גר. ביז 3 זל. פאַר אַ קאַמיזעלקע פון 60 גר. ביז 1,50 גר. פאַר אַ מאַרינאַרקע פון 2 ביז 6—7 זל. פּאַלטאָ — 4 ביז 7 זל. און פאַר אַ בורקע 250 ביז 5 זל.

בזשעזשין לייזט פאַר פערטיגע קאָנפעקציע פון גאַנץ פּוילען אַ חוץ פון לאָדז און וואַרשא. לעצטענס האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנץ קליינער דערוואויל עקספּאָרט קיי זאויסלאַנד (ענג... פראַנק־רייך, דענעמאַרק, שוועדען האָלאַנד).

די מאַגאַזינערען וואָס זייער צאָהל דערגרייכט ביז עטליכע און זעכציג מאַכען יעהרליכע אומזאַצען פון 20 ביז 400 טויזענט זלאָטעס אַ יאָהר. און דער אַלגעמיינער יעהרליכער אומזאַץ דאַרף בע־רעכענט ווערען אויף אַנ'ערך 4 מיליאָן זלאָטעס. די אַלגעמיינע סיטואַציע אין שטעטעל איז אַ שווע־רע. ביז 80 פּראָצ. פון די אַרבייטער און כאַלופּ־ניקעס לעבען איבער אַ דויערענדען קריזיס און אַר־בייטסלאָזיגקייט. אין 1928 י. האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'עמיגראַציע און פון בזשעזשין און איבער 100 פערזאָן זענען אַרויסגעפאָהרען קיין פראַנקרייך און בעלגיען אָבער נישט אַלע האָבען זיך דאָרט איינ־געאָרדענט און די עמיגראַציע האָט איצט כמעט אויפגעהערט.

די אַרבייטס־צייט איז אַנ'אומבעגרעניצטע ווע־גען 8 שעה'דיגען אַרבייטס טאָג איז קיין רעד נישטא. דער אַרבייטס־טאָג דויערט געוועהנליך 12 ביז 16 שעה און ס'פאַסירען פאַלען אין דער הויכער סעזאָן־צייט ווען מ'אַרבייט אָהן איבעררייס 36 שעה נאָכאַנאַנד די אַרבייט קומט פאַר אין קליינע נישט היגיענישע וואַרשטאַטען ביי אויסערסט שווערע בעדינגונגען, אין דער קראַנקען־קאַסע זענען פערזיכערט יחידים. פאַר'ן קריג האָט בזשעזשין איהרע אויסאַרבייטונגען געליווערט פאַר'ן ווייטען רוסלאַנד, איצט שטעהט פאַר דעם שטעטעל די פראַגע וועגען שאַפען נייע אָפּזאַץ־געביטען, און די נויטיגע בעדינגונגען דערצו (קרעדיטען צאָל־הנחות א. א. וו.).

עניו.

צו אלע יודישע צעכען און האנדווערקער־ארגאניזאציעס אין דער לאדזער וואיעוואודזטווע

קאמוניקאט 2 וועגען הנחה־עקזאמענס פאר מייסטערס

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס דעם 15. דעצעמבער 1930 ענדיגט זיך די איבערגאַנגס־צייט, וואָס איז פאָרגעזעהען איב'ם אינדוסטריע־געזעץ, מאַכען מיר אייך אויפמערקזאַם, אַז נאָכ'ן 15. דע־צעמבער 1930 וועלען מעגען אָננעמען אויף דער לעהר און אויך פּראַקטיש אָנפיהרען די לערן־אַרבייט פאַר לערן־יונגלעך נאָר אַזעלכע האַנד־ווערקער וואָס וועלען בעזיצען דעם מייסטער־דיפּלאָם.

פערזאָנען וועלכע וועלען נישט האָבען דעם מייסטער־דיפּלאָם און וועלען דאָך האַלטען לערן־יונגלעך, וועלען אין הסכם מיט'ן אַרטיקעל 126 פון אינדוסטריע־געזעץ צוגעצויגען ווערען צו גע־ריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט וואָס זעהט פאַר ביז 1000 זל. געלד־שטראָף און 14 טאָג אַרעסט.

די לאָדזער האַנדווערקער־קאַמער וועט בקרוב לויט אייגענער איניציאַטיוו אָדער אונטער'ן דרוק פון אָנקלאַגעס מצד יחידים און אָרגאַניזאַציעס מיט דער הילף פון בערעכטיגטע דעלעגאַטען אַדורכ־פיהרען אַנ'אַלגעמיינע לוסטראַציע אין אַלע האַנד־ווערקער וואַרשטאַטען פון דער לאָדזער וואָיע־וואָדזטווע, און וועט נאָכ'ן פעסטשטעלען, אַז ס'־עקזיסטירען וואַרקשטעלען וואָס האָבען נישט דערצו די געהעריגע בערעכטיגונג — זיך ווענדען צו די ענטשפּרעכענדע מאַכט־אָרגאַנען מיט אַ פּאָרשלאַג אַזעלכע וואַרשטאַטען תיכף צו פערמאַכען.

כדי די בעלי־מלאכות — וואָס פיהרען זעלבסט־שטענדיג זייערע וואַרשטאַטען פון פאַר'ן 15. דע־צעמבער 1927 — דאָס הייסט נאָך איידער ס'איז פערעפענטליכט געוואָרען דאָס נייע אינדוסטריע־געזעץ — זאָלען נישט פערלירען זייער רעכט צו האַלטען לערן־יונגלעך נאָכ'ן 15. דעצעמבער 1930 און זאָלען קענען בעקומען דעם טיטעל „מייסטער" האָבען די האַנדווערקער קאַמערען אָנ־גענומען אַ פערלייכטערונג־רעגולאַמין. אויפ'ן גרונט פון דעם דאָזיגען רעגולאַמין דאַרפען די אַלע וואָס ווילען זיין בערעכטיגטע האַנדווערקער צוטרעטען צו די הנחה־עקזאַמענס, כדי צו בעקומען דעם גע־זעלען־ און מייסטער־דיפּלאָם. די אַלע וועלכע האָבען שוין אַ געזעלען־דיפּלאָם דאַרפען צוטרעטען בלויז צום פערלייכטערטען מייסטער עקזאַמען.

צו דער ביטע וועגען צוגעלאָזט צו ווערען צו די הנחה־עקזאַמענס דאַרפען די קאַנדידאַטען צו־שטעלען פאָלגענדע דאָקומענטען:

1) געבורטס־מעטריקע אָדער אַ פּאַס, 2) אַ קורצע לעבענס־בעשרייבונג מיט אַנ'אייגענהענדיגער אונטערשריפט, 3) אַ האַנדווערקער־קאַרט, אָדער אַ בעשטעטיגונג פון מאַגיסטראַט אָדער גמינע־אַמט, אַז דער קאַנדידאַט צום הנחה־עקזאַמען האָט געפיהרט אַ זעלבסטשטענדיגען האַנדווערקער וואַרשטאַט פאַר'ן 15. דעצעמבער 1927, 4) אָפּצאָלען די עקזאַמען־טאַקסע: פאַר געזעלען און מייסטער־עקזאַמען — 140 זל. צום געזעלען־עקזאַמען — 40 זל. און אויב דער קאַנדידאַט האָט שוין אַ געזעלען־דיפּלאָם — בלויז פאַר'ן מייסטער־עקזאַמען — 100 זלאָטעס.

בעמערקונגען: 1) די בעלי־מלאכות, וואָס בעמיהען זיך צו בעקומען אַ האַנדווער־קער־קאַרט, דאַרפען אַרויסנעהמען אַ בעשטעטי־גונג פון מאַגיסטראַט, אָדער גמינע־אַמט, אַז זיי האָבען געפיהרט אַ זעלבסטשטענדיגען וואַר־שטאַט פאַר'ן 15. דעצעמבער 1927. אַזאַ בע־שטעטיגונג דאַרף דער מאַגיסטראַט אָדער גמינע־אַמט אַרויסגעבען אויפ'ן סמך פון איהרע אייגענע אינפאָרמאַציעס, וואָס זיי בעזיצען, אָדער אויפ'ן גרונד פון 2 בע־גלויבענסווערטע עדות, אַזאַ בעשטעטיגונג גיט די זעלבע רעכט, וואָס אַ האַנדווערקער־קאַרט אויף צו געניסען פון הנחה־עקזאַמענס. אויף אַזאַ אופן ווערט בעזייטיגט פולשטענדיג די נויטיגקייט פון בעזיצען אַ „דיספּענזע", ווייל דורכ'ן אויסהאַלטען דעם הנחה־עקזאַמען בע־קומט מען אַלע רעכט פון אַ פולבערעכטיגטען האַנדווערקער, ווי אויך די האַנדווער...

2) די קאַנדידאַטען, וועמען ס'איז שווער מיט אַמאָל איינצוצאָהלען די עקזאַמען־טאַקסע, אָדער זיי זענען נישט אימשטאַנד צו בעצאָהלען די גאַנצע סומע, דאַרפען זיך ווענדען מיט אַנ'ענטשפּרעכענדער בקשה צום פּרעזידענט פון דער האַנדווערקער־קאַמער, וועלכער האָט די רעכט צו פערקלענערען דעם אָפּצאָהל, אָדער צו טיילען איהם אין ראַטעס. צו דער בקשה דאַרף בייגע־לעגט ווערען אַ בעשטעטיגונג פון ענטשפּרעכענ־דען צעך, וועגען מאַטעריעלען צושטאַנד פון פּעטענט.

גלייכצייטיג מאַכען מיר אויך נאָכאַמאָל אויפ־מערקזאַם, אַז בּיז'ן 15־טען דעצעמבער ה. י. מו־זען פערדעגיסטרירט ווערען די שריפטליכע אָפּ־מאַכען מיט די „לערן־יונגלעך". די אָפּמאַכען דאַר־פען רעגיסטרירט ווערען אין דער האַנדווערקער־קאַמער דירעקט, אָדער דורך די צעכען.

דער אינהאַלט פון דעם קאָמוניקאַט דאַרף בע־קאַנט געמאַכט ווערען צווישען די ברייטע האַנד־ווערקער קרייזען. די פיהרער פון די צעכען און פעראיינען דאַרפען אָנווענדען אַלע מיטלען, אַז אַלע האַנדווערקער זאָלען זיך בעמיהען צו בע־קומען טיטעל מייסטער.

יודישע ראַטמענער אין דער לאָדזער האַנדווערקער ־ קאַמער.

דאָס פּרעזידיום

(—) פּאָרזיצער ב. קאַזשמיערסקי.

סעקרעטאַר: י. שוואַרצבערג.

יודישע מיטגלידער פון די עקזאַמינאַציע־קאָמיסיעס

בעראַטען זיך וועגען גורל פון יוד. בעל־מלאכה

אין לאָקאַל פון „אָרט" איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַלע יודישע מיטגלידער אין די עקזאַמענאַציאָנס־קאָמיסיעס ביי דער האַנדווערקער־קאַמער.

ווי בעקאַנט, ווערען די מיטגלידער פון די עקזאַמענאַציאָנס־קאָמיסיעס בעשטימט דורך דער האַנדווערקער־קאַמער, בלויז פאָרמעל. פאַקטיש ווע־רען די רשימות צוזאַמענגעשטעלט אין ביוראָ. דע־ריבער איז טאַקע קיין וואונדער נישט, וואָס די ערשטע רשימות זענען געווען איינגאַנצען, אָדער כמעט יודען ריין. דער געוועזענער דירעקטאָר פּיע־קאַרסקי, דער בעקאַנטער מחבר פון די צירקולאַרען וועגען קריסטליכע קאַנדידאַטען האָט זיך שוין וועגען דעם בעמיהט. אָבער ווען די יודישע פער־טרעטער אין דער האַנדווערקער־קאַמער האָבען זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָבען זיי אָנגעהויבען אַ שטורעם און ס'איז זיי געלונגען די רשימות צו פערפאַלקאָמען. די פּראָווינץ האָט שוין גאַרנישט געקענט אויפטאָן און פון די פּראָווינצער זענען אין דער קאָמיסיע קוים אַריין 2 יודישע האַנד־ווערקער — איינער פון לאַסק און איינער פון קאַליש. אָבער ס'איז דאָך געלונגען אַריינצוברענגען איבער 60 יודישע מיטגלידער אין די עקזאַמענאַציאָנס קאָמיסיעס פון די פערשידענע פאַכען.

דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמיסיע בע־שטימט דעם פאָרזיצער פון צווישען די מיטגלידער. אין דער עקזאַמענאַציאָנס־קאָמיסיע פון יעדען פאַך זענען פערהאַן 10—12 מיטגלידער און 3 פון זיי פיהרען אַ דורך יעדען עקזאַמען. צי קען מען שוין אָפּהיטען, אַז צווישען די עקזאַמינירענדע זאָלען זיך געפינען אויך יודישע מיטגלידער.

דעם פאָרזיץ פון דער קאָנפערענץ האָט גע־פירט ה' ב. קאַזשמיערסקי, דער וויצע־פּרעזידענט פון דער האַנדווערקער־קאַמער, ער האָט אינפאָרמירט וועגען אַנטייל פון די יודישע פערטרעטער אין די עקזאַמענאַציאָנס־קאָמיסיעס. ביז איצט איז פערהאַן נאָר איין יודישער פאָרזיצער אין די עקזאַמענאַ־ציאָנס־קאָמיסיעס — אין שניידער־פאַך (ה' ב. קאַזשמיערסקי). ס'איז פאָראויסצוזעהען, אַז אויך די איבעריגע 8 ראַט־מיטגלידער פון דער האַנד־ווערקער־קאַמער וועלען ווערען פאָרזיצער אין די עקזאַמינאַציאָנס־קאָמיסיעס פון זייערע פאַכען.

ד"ר קאַצענבויגען שטעלט זיך אָפּ אויף דער נויטווענדיגקייט נישט צו פערנאַכלעסיגען די פּראַ־גען, וואָס זענען נוגע דעם יונגערען דור האַנד־ווערקער־געזעלען און לערן־יונגלעך, דער ענין איז נישט וועניגער וויכטיג ווי די עקזאַמען־פּראַגע. די האַנדווערקער־פאָרשטעהער דאַרפען בעזונדערס ליי־גען אַכט דערויף, אַז די מייסטערס פון די בעזונ־דערע צעכען זאָלען אונבעדינגט שיקען זייערע לערן־יונגלעך אין די פּראָפעסיאָנעלע ערגענצונגס־שולען, אין געגענפאַל וועלען פון דעם דאָזיגען דור אונטערוואַקסען מענשען, וואָס וועלען דאַר־פען זיך פיינינגען יאָהרען־לאַנג.

אין דער דאָזיגער פראַגע זענען פּעראינטע־רעסירט אין אַ גלייכער מאָס די לערן־יונגלעך און די האַנדווערקער, און ד יפראַגע טאָר בשום אופן נישט פערנאַכלעסיגט ווערען.

וועגען דער טעטיגקייט פון דער יודישער רע־פּרעזענטאַנץ אין דער האַנדווערקער־קאַמער רעפע־רירט נאָך ה' ש. שוואַרצבערג. דאָס פערטיידיגען די אינטערעסען פון יודישען בעל־מלאכה האָט אין דער „קאַמער" זיך תחילת אָנגעשטויסען אין אַ רייהע שוועריגקייטען. די מניעות זענען בעיקר גע־ווען אַ רעזולטאַט פון דער צושפּליטערונג פון די האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך אַריבער געטראָגען אויך אין דער „קאַמער". די האַנד־ווערקער־ראַטמענער האָבען אָבער פערשטאַנען זיי־ערע פליכטען און זענען לסוף אַריבער צו ממשות'־דיגער אַרבייט צו העלפען דעם כלל יודישען האַנד־ווערקער אין לאָדז און סביבה, און זיי האָבען גע־בילדעט אַנ'איינהייטליכען פראָנט געגען יענעם לאַ־גער, וועלכען עס געהט בנפשו, אַז דער יודישער האַנדווערקער זאָל צוריבען ווערען. דער רעדנער דריקט אויס זיין האָפנונג, אַז די דאָזיגע צוזאַמענ־אַרבייט פון אַלע פאָרשטעהער אין דער האַנדווער־קער קאַמער וועט זיין דער געזונדער קערן פאַר דער צוקונפטיגער איינהייטליכער האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע אין לאָדז.

דער רעדנער גיט איבער איניגע פאַקטען, וואָס אילוסטרירען די סביבה, אין וועלכער ס'קומט אויס צו אַרבייטען און שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אוימ־רעגענדען פאַקט, וואָס דער פאָרזיצער פון דער עקזאַמענאַציאָנס־קאָמיסיע אין טאַפּעציר ־ פאַך, דער ראַט־מיטגליד ה' קאָרטשאַק האָט אין דער עקזאַמען־קאָמיסיע, וואָס פיהרט איצט אַ דורך די עקזאַמענס נישט איינגעלאַדען קיין איין יוד. הגם אין טאַפּעצירער־פאַך גופא איז די גרעסטע העלפט — יודישע האַנדווערקער. נאַטירליך, אַז דער פאַל האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרע־גונג צווישען די יודישע מיטגלידער און זיי וועלען זיכער דערויף רעאַגירען.

איבערגעהענדיג צו דער טעטיגקייט פון דעם יודישען ראַטמענער־קרייז אין דער האַנדווערקער־קאַמער, ווייזט אָן דער רעדנער, אַז כדי צו בעקענען די ברייטע האַנדווערקער־שיכטען מיט זייערע ענ־ינים, אויפגאַבען, מוז מען האָבען מיטלען. מ'מוז אַלע צירקולאַרען איבערזעצען און פערטייטשען, מ'מוז מיט די אָרגאַניזאַציעס שטעהן אין קאָנטאַקט. כדי צו דעקען אַ טייל פון די דאָזיגע הוצאות, שלאָגט ער פאָר, אַז די מיטגלידער פון די עקזאַ־מינאַציאָנס־קאָמיסיעס זאָלען 25 פּראָצ. פון זייער לוין פאַר די עקזאַמענס אָפּגעבען דעם ביוראָ. די 9 ראַט־מיטגלידער האָבען באַלד אויסגעדריקט זייער הסכמה דערצו.

איבער די בעריהרטע פראַגען ענטוויקעלט זיך אַ לעבהאַפטע דעבאַטע. אין וועלכער עס זאָגען זיך אַרויס די מיטגלידער פון די עקזאַמינירקאַ־מיסיעס: שענפעלד, געצנער, הערשקאָוויטש, צינ־ציגאַטוס, רייז, זילבערבערג, עדעליסט, פּזשיגורסקי, ברויער, אַדלער (קאַליש) און אַנדערע.

די דאָזיגע ערשטע אינפאָרמאַציע־קאָנפערענץ, האָט בעווידען ווי ס'איז געוועזן נויטיג, אַז פון צייט צו צייט זאָלען אַזעלכע קאָנפערענצען פאַר־קומען.

אין אפגרונט

סענסאַציאָנעל-עראטישער ראָמאַן (24

איהר ליבע האָט זיך אין איהר דערוואָרימט און פּאַטער, דער נאַר, האָט זיך צו איהר צוגעשאַרט.

אָבער גוּאַד האָט איינע פון די אַלטע פּאַרלאַגנס כען זאָל זיך דורכפאָהרען אויפ'ן וואַסער און ראָזע האָט בעפוילען דעם בעריהמטען קאָמפּאָזיטאָר, ער זאָל געהן צוגרייטען דאָס שיפעל.

– נעהם דאָס קליינע שיפעל, נישט דאָס גרעסערע!

– איך וועל הייסען דעם דינער, ער זאָל עס טון.

– דער דינער עסט איצט.

– אָבער דאָס קליינע שיפעל איז פול מיט וואַסער, און עס וועט נעהמען אַ צייט, ביז איך וועל זי ריין מאַכען.

– ושאַן וועט מיט אייך געהן! – האָט פאַני געזאָגט, אום צו פערמיידען אַ צווייטע סצענע.

די צוויי מענער זענען אַוועק צום וואַסער, האָבען זיך געזעצט אויף די ברעגען פון שיפעל און האָבען געאַרבייט. ביידע האָבען אַ ווײַלע געשוויגען, ווי בערוישט פון דעם שעהנעם וועטער און דעם שעהנעם געגענד און דער קיהלער לופט, וואָס איז געקומען פון טייכעל.

– לעבט איהר שוין לאַנג מיט אייער פאַני? – האָט דער קאָמפּאָזיטאָר פּלוצלינג געפרעגט און האָט אויפגעהערט צו שעפּען.

– צוויי יאָהר! – האָט ושאַן געענטפערט מיט איבעררַאַשונג.

– אינגאַנצען צוויי יאָהר? נו, וואָס איהר האָט דאַ היינט געזעהן, דאַרף פאַר אייך דינען אַלס לעקציע. לערנט פון מיר; איך האָב געלעבט מיט ראָזען צוואַנציג יאָהר, זינט איך בין געקומען פון איטאַליען. אַ, ווען איינער וואָלט מיר דאַן געזאָגט...

ער האָט אָנגעהויבען יאָמערליך צו זיפצען און צו קלאָגען און האָט דערצעהלט, ווי זיין פאַמיליע האָט צוערשט געלאַכט פון זיין ליבע צו דער דאָזיגער פרוי, נאָכדעם, ווען די זאַך איז געוואָרען ערנסט, האָבען זיך אַלע בעמיהט אָפּצורייסען איהם פון ראָזען. דריי מאָל האָט דאָס מיידעל אָנגענומען געלד פון זיינע עלטערן, זי זאָל איהם אָפּקוואַרפען, אָבער ער איז זיך מיט איהר דאָך צוזאַמענקומען. מען האָט איהם גענומען אויף ווייטע רייזען. ער האָט גערייזט און איז צוריקגעקומען און האָט ווידער אויפגעזוכט זיין געליבטע. דאַן האָט ער געפאָלגט זיין פאַמיליע און האָט חתונה געהאַט. ער האָט גענומען אַ שעהנע פרוי מיט געלט, מיט אַ מעדאַל פון עהרען-לעגיאָן אַ מתנה. אָבער אין דריי מאָנאַטען האָט ער פערלאָזען זיין נייע היים צוליב דער אַלטער געליבטער.

ער האָט דערצעהלט די טראַגעדיע פון זיין לעבען גאַנץ גלאַטסן.

דערווייל זענען אויפ'ן וואַסער פערבייגעפאָהרען שיפלעך פול מיט סטודענטען און מיידלעך, וואָס האָבען געזונגען און געלאַכט און געשטיפט. אַ, וויפיל פון די גליקליכע רייזענדע וואָלטען זיך געדאַרפט אָפּשטעלען און נעהמען אַ לעהרע פון זיינע דערצעהלונגען.

ווי לאַנג דער מוזיקער האָט גערעדט מיט ושאַן גאַסין האָבען די „עלעגאַנטע פרויען" דאָרטען אין הויז גערעדט מיט פאַני, זי זאָל אָפּזאָגען דער יאָלד ער איז אַ שעהנער יונגערמאַן, – האָבען זיי צו איהר געזאָגט, – אָבער ער האָט נישט קיין פראַנק ביי זיין לייב און לעבען. צו וואָס קען דאָס פיהרען?

– אָבער איך ליב איהם;

ראָזע האָט זיך פערקרומט און האָט געזאָגט:

– זאָל זי טון, וואָס זי וויל. זי וועט אַרויסלאָזען דעם האַלטענדער פון די הענד, ווי זי האָט אויסגעלאָזען אַ סך גוטע און פעטע ביסענס. נאָך דער דערפאַהרונג מיט'ן גראַווירער האָט זי געדאַרפט זיין פּראַקטישער, אָבער זי ווערט נאָר נאַרישער פון טאָג צו טאָג.

די פרוי מיט'ן קאָפּ פון אַ צירקוס-לך האָט איצט פונאַנדערגערעדט.

עס איז זעהר שעהן צו ליבען אויס ליבע, נישט אויס געלד. ליבע איז אַ שעהנע זאַך, אָבער מען מוז אויך האָבען געלד. ווען איך וואָלט איצט געהאַט געלד, וואָלט מיין יונגערמאַן פון מיר נישט געוויכט? דאָס איז שרעקליך! איך בין געווען אַ בעריהמטע, בין געווען בעקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט ווי אַן אויסטערלישע פּערזענליכקייט. איך בין געווען אַזוי בעריהמט, אַז איינער האָט געדאַרפט זאָגען צו אַ פוהרמאַן: – פאָהר צו ווילקי-ראַב, – און ער האָט איהם שוין צו מיר געבראַכט. איך האָב געהאַט פּרינצען ביי מיינע פיס און קעניגען, וועלכע האָבען געזאָגט, – אַז ליבען איז אַ שעהנע זאַך, ווען איך האָב געשפּיים. איצט וויל יענער שמוציקער אויסוואורף מיט מיר נישט האָבען צו טון, נאָר ווייל איך האָב קיין געלד נישט.

זי איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט פון זיך אַראָפּגענומען איהר קלייד און האָט אויסגעשריען:

– יאָ, איך האָב פערלוירען מיין שעהנעם פּנים, אָבער דאָ, מיין לייב, די אַקסלען, זענען זיי נישט שטאַרק. זעהט נאָר, בין איך נישט ווערט די ליבע פון אַ מאַן?

זי האָט אָפּגעדעקט איהר גאַנצען לייב, וועלכער איז געבליבען וואונדערבאַר שעהן און יונג, נאָך אַ לעבען פון דרייסיג יאָהר אין אַ זודיגען קעסעל פון זינד, וועלכע האָבען אויפגעגעסען איהר קאָפּ און איהר האַלז.

– מיינע דאַמען, די שיף איז פערטיג! – האָט פּאַטער אויסגערופען, ווען ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, און קוים האָט צוריק אָנגעטון איהר קלייד און האָט געמורמעלט:

– נאָך אַלעמען, קען איך נישט אַרומגעהן נאַקעט, צו ווייזען אַלעמען, ווי שעהן איך בין געבליבען.

אַלע האָבען זיך אַריינגעזעצט אין דעם שיפעל. עס איז געווען אַ זעלטען בילד צו זעהן די באַנדע אָפּגעלעבטע אויסוואורפען אויף דעם פרישען, שעהנעם וואַסער.

ושאַן, וועלכער האָט גערודערט, האָט איינגעבויגען זיין קאָפּ, ווייל ער האָט זיך געשעהמט, מען זאָל איהם דאָ נישט זעהן צווישען די אויסוואורפען אין העסליכקייטען. צו זיין גליק איז פאַני געזעסען ענטגעגען איהם, און צווישען אַלע פרויען האָט זי פאַר איהם אויסגעזעהען יונג און רייצענד.

דעזופאַס, וועלכער האָט זיך געפיהלט עטוואָס בעסער פון דעם וואַרימען טאָג, האָט געבעטען פאַני זאָל עטוואָס זינגען. פאַני האָט געפאָלגט. זי האָט געזונגען אַ ליד פון פּאַטערס בעסטער אָפּערע און דער קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער האָט זיך דערמאָנט זיין אַמאָליגען גרויסען דערפאָלג, האָט איהר בעגלייט און האָט נאָכגעמאַכט די פערשידענע טענער פון דעם אָרקעסטער, וועלכע האָבען צוגעגעבען צו דער מעלאָדיע דעם קלאַנג פון אַ פּאָלענדריגען וואַסער:

(פאָרטזעצונג קומט).

מיין ווייב

ערצעהלונג פון איצטיגען רוסישען לעבען

פון איגנאַץ לאַמאַקין

איך האָב זיך געהאַט עפּעס צעווערטעלט מיט מיין ווייב, ווייל זי האָט פערברענט דאָס עסען, דוכט זיך איך האָט זי אָנגערופען שלימזלניצע און אפשר אויך „בהמה". איך קען מיך שוין איצט נישט דערמאָנען גענוי – סוף-כל-סוף האָט דאָך אַ מאַן, וואָס שפּייזט זיין פאַמיליע, אַמאָל דאָס רעכט צו זיין אַביסעל אויפגערעגט – איז זי אָבער געוואָרען אָנגעצונדען.

היינטיגע צייטען, זאָגט זי, טאָר שוין אַזעלכעס נישט פּאַסירען. בין איך געוואָרען נאָך מעהר אין כעס.

– וואָס הייסט עס: היינטיגע צייטען? אַ פרוי איז פון שטענדיג געשטאַנען און שטעהט היינט אויך נידעריגער פון מאַן.

איך ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס איך האָב דאָס איהר געזאָגט, יעדענפאַלס איז איהר נישט געפעלען געוואָרען.

– וואָרט-זשע, – האָט זי מיך געסטראַשעט,

– איך וואַרט, נשמה מיינע! – האָב איך געענטפערט און אַוועק צו דער אַרבייט.

אַז איך בין צוריקגעקומען אַהיים, געפין איך נישט קיין מיטאָג, נישט קיין בעט, נישט קיין ווייב, איהר קענט זיך פאָרשטעלען ווי איך, אַ הונגעריגער מענש, האָב זיך געפיהלט, איך האָב פשוט געשאָטען מיט טויטע קללות. אַ האַלבע שעה האָב איך נערוועז געפּויקט אויפ'ן ליידיגען טיש און צום סוף האָב איך צושמעטערט די טאַסע, וואָס איך האָב איהר געשענקט צום געבורטסטאָג.

ענדליך איז זי אָנגעקומען מיט רויטע בעקלעך פון פראָסט.

– וואָס האָסטו זיך אַזוי געיאָגט? – זאָג איך, – האָסט נאָך געקאָנט אַביסעל שפּאַצירען.

– איך וועל נאָך טאַקע שפּאַצירען אין אָוועגד – ענטפערט זי.

– ווי-אָ-ס?? – און דאָס טעצעלע צו דער טאַסע פליהט אויך אַ צושמעטערטע. – איך מוז אַרבייטען אַכט שעה און דו...

– איך בעט נישט צו מאַכען קיין געוואַלדען – זאָגט זי – איהר זייט שוין נישט מיין מאַן.

און רוהיג, ווי קיינמאָל גאָרנישט, דערלאַנגט זי מיר אַ געריכטליכער בעשטעטיגונג אַז מיר זענען געשיידט.

– איך בין נאָר געקומען צונעהמען מיין קויש מיט די זאַכען – מאַכט זי, איך האָב זיך אַריינגעצויגען אין דערבייאיגען צימער.

האָב איך גענומען און געטון וואָס דאָס רוב מענער טוען אין אַזאַ לאַגע – איך בין אַוועק און זיך אָנגעשיכּורט.

דערנאָך געה איך צוריק, גלייך אין איהר צימער אַריין.

– ווען וועט שוין סוף-כל-סוף פערטיג ווערען דאָס מיטאָג – גיב איך אַ געשריי.

– די מינוט זאָלט איהר זיך אָפּטראָגען פון דאַנען! – זאָגט זי.

לייג איך נישט קיין אַכט און שריי ווייטער, זי זאָל מיר מיטאָג געבען.

איך בין געווען זיכער, אַז איך רעד רוהיג, אַזוי רוהיג, ווי עס קאָן נאָר רעדען אַ מאַן, וואָס לעבט צעהן יאָהר מיט זיין פרוי אין איין צימער, און דאָך האָט זי אַריינגערופען דעם הויז-פערוואַלטער, די מיליציע, דעם הויז-וועכטער און איידער איך קוק מיך אַרום, זיך איך שוין אין אַרעסט.

וואָס וואָלט איהר געזאָגט, ווען אייער איינענע פרוי וואָלט אייך געהייסען אַרעסטירען איהר וואָלט אודאי אויך נישט געבליבען רוהיג.

בקיצור, איך האָב איהר אַביסעל צוריסען די בלוזקע און דער מיליציאָנער האָט געכאַפּט אַ זעץ אין זייט. איך האָב געשריגען, אַז קיין מאַכט האָט נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישען אין אונזער פאַמיליען-לעבען, אָבער עס האָט געהאָלפען ווי אַ טויטען באַנקעס.

מען האָט מיך אַריינגעזעצט אויף אַ גאַנצען חודש; צוויי וואָכען האָב איך געבושעוועט פאַר פערדרוס, אַרומגעלאָפען אין מיין צימער הין און צוריק ווי אַ פערוואונדעטער טיגער, סוף-כל-סוף בין איך מיד געוואָרען, האָב איך זיך איינגעשטילט, און אומגעריכט בין איך אַליין געקומען צום בשלום, אַז איך האָב אפשר טאַקע בעגוזט אַביסעל בעליידיגענדע ווערטער נעגען מיין פרוי.

– איז זי דאָך סוף-כל-סוף נישט ערגער ווי אַלע אַנדערע פרויען, טראַכט איך מיר, „נאָך אפשר אַביסעלע בעסער – און נאָך אַלעמען האָב איך זי פאָרט ליב"! דאָס אַלץ האָב איך בעשלאָסען איהר צו זאָגען, ווי נאָר איך וועל אַרויס פון תפיסה.

אָבער אַנשטאָט דעם האָב איך אַ זאָג געטון צו איהר:

– קאַטיע, הער שוין אויף מיט דיינע שטותעריי ען, דו האָסט מיך בעליידיגט, אַפילו זעהר שטאַרק בעליידיגט – אָבער איך בין דיר מוחל, קאָנסט צוריק זיך אַריבערציהען אין מיין צימער.

– איך האָב אייך שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אַז איהר זענט שוין נישט מיין מאַן! – האָט זי מיר געענטפערט.

– וואָס הייסט, איך בין שוין נישט דיין מאַן? צעהן יאָהר האָבען מיר געלעבט צוזאַמען און איצט שוין, אויס?

– דו קאָנסט דאָך בייגאַכט גאָרנישט איינשלאָפען איינע אַליין, וועסט זיך אַ גאַנצע נאַכט וואַרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

– איך שלאָף איין זעהר גוט, – זאָגט זי,

– איך בין שוין געוואוינט דערצו.

– מילא פערפאַלען, אַליין זאָל זיין אַליין.

כאַפּט דיך דער טייוועל...

איך האָב געוואוסט, אַז טיף אין האַרצען האָט זי מיך פאָרט ליב.

איינמאָל אין אָוועגד הער איך פון איהר צימער אַ מאַנסבילישע שטימע, מען לאַכט, מען טרינקט טיי.

– וואָס איז דאָס? – טראַכט איך און קלאַפּ אָן אין דער טיר.

– איך האָב נישט קיין צייט – זאָגט זי – איך בין פערנומען!

וואָס וואָלט איהר געזאָגט דערצו, ווען אייער פרוי זאָל אייך אַזוי ענטפערען? געהם איך און קלאַפּ אָן נאָך שטאַרקער, קומט זי אַרויס אויסער זיך פאַר כעס.

– איך פערלאַנג צו מאַכען אַ סוף מיט די דאָזיגע קוואַלערסקע ניזיטען! – גיב איך אַ געשריי.

– און איך בעט אייך, איהר זאָלט זיך מעהר נישט שטעפּען צו קיין פרעמדער פרוי. סיידען איהר ווילט נאָכאַמאָל זיצען אין טורמע – און האַקט מיר צו די טיר פאַר דער נאָז.

– אַ פרעמדע פרוי!..

אָבער פאָרט האָט זי מיך ליב! – איך קען זי דאָך שוין צעהן יאָהר! דאָס איז נישט מעהר ווי ווייבערישע עקשנות!

איך ווייטער, בין אָפּגעהערציג, ווייל איך מ ר מעהר בעהערשען און מאַכען דעם אָנשטעל כלומרשט, אַז זי איז גערעכט – ווייל העפליכקייט געפעלט שטאַרק די פרויען, און צוזאַמענס זאָג איך צו איהר:

– קאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, ערלויבט מיר נאָר אַמאָל אייך אַביסעל צו בעזוכען. עס איז אַזוי אומעטיג צו לעבען איינער אַליין! אפשר וואָלטען מיר עפּעס געלייענט צוזאַמען?

מיט צעהן יאָהר צוריק זעבען איהר אַזעלכע ווערטער שטאַרק געפעלען, דאָס מאָל נישט. זי האָט אַ גענעץ געטון.

– פון מיינעטוועגען, אויב נאָר איהר וועט זיך אויפיהרען אָנשטענדיג.

דעם אמת גערעדט, וואָלט איך איהר בעסער ביי די האָר געריסען און גוט אָנגעקלאַפּט די ביינער – נאָר אַנשטאָט דעם בין איך אין אָוועגד געקומען צו איהר און דעקלאַמירט פאַר איהר לידער ווי אַן אידיאָט. געפעלט איהר אָבער דאָס אויך נישט.

– דאָס זענען אַלטמאָדישע לידער און די ליבע אין זיי איז אַ נאַרישע! געהט בעסער שלאָפען!

אָבער נאַטירליך, ווען עס קומט דער דאָזיגער חמור, אַט דער זימקאָוו און האַקט איהר אַ קאָפּ וועגען דער נוצליכקייט פון קאָאָפּעראַטיוועזן, שמייכעלט זי צו אַזוי זיס:

– אַך, ווי אינטערעסאַנט, קומט אָפטער אַהער!

און איך מוז דאָס צוזעהן – ווייל אַ געמיין שטיקעל שיידונג פּאַפּיר גיט איהר רעכט דערויף. דאָס איז דאָך בפירוש אַ פעהלער אין די נייע געזעצען.

– קאַטיע, זאָג איך, אַזוי קאָן עס ווייטער נישט געהען.

– פאַרוואָס עפּעס נישט? דו הויבסט אָן צו ווערען אַן אינטערעסאַנטער מענש, אַ שאָד נאָר, וואָס איך האָב מ ך שוין נישט מיט צעהן יאָהר צוריק געלאָזט שיידען פון דיר.

– קאַטיא איך בין אַזוי איינזאַם, איך... — איך ווייס שוין נישט, וואָס איך האָב איהר אַלץ געזאָגט. דוכט זיך אַנ'ערך דאָס זעלבע, ווי מיט צעהן יאָהר צוריק, יעדענפאַלס בין איך געקומען צום זעלבען רעזולטאַט.

– אפשר וועלען מיר צוזאַמען געהן אויפ'ן דערנער-וועג פון לעבען?

ערשט איז זי געוואָרען ערנסט, זאָגט וואָס איהר ווילט – אָבער חתונה האָבען איז דאָך אַ וויכטיגער ענין!

– גוט, – האָט זי געזאָגט – איך בין מסכים, נאָר איך פערלאַנג, אַז אַלס אייער פרוי זאָל איך האָבען די זעלבע בעהאַנדלונג פונקט ווי אַ פרעמדע!

און איצט, דער טייוועל זאָל עס נעהמען, איצט לעב איך מיט איהר ווי אַ פרעמדער מאַן, וואָס מוז אָנקלאַפּען אין איהר טיר, ווען זי האָט געסט, און איך הויב שוין אָן זיך צוגעוואוינען צו דעם פאַקט, אַז אַ ווייב לויט'ן אַלטען שפּייגער איז – אַ שטות.

הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה

אם תקח אמרי ומצותי תצפן אתך
אז תשכב בטח ושענן כי הלך בתום
ילך בטח ומעקש דרכיו יודע

איבער דעם זאָלסט נאָר קומען אין ביוראָ

פון ד. מאַנעלאַ

וואָס איז איבערגעטראָגען געוואָרען פון צווייטען הויף אויפ'ן ערשטען הויף

פּיעטריקאָווער 17, לינקע אָפיצינע פּאַרטער, טעל. 124-95

וואו ס'ווערט ווייטער ערלעדיגט פּינקטליך און געוויסענהאַפט געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילנע, קאַרנע, האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס, אַדוואָלאַניעס, קלויזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטייט אין פוילען, וועגען דירות אין אויסלאַנד ראַזיעמטשע, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.

בעמ.: קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס חתּ־רען בײַ מיר ערלעדיגט במשך פון 24 שעה מיט אַכטונג ד. מאַנעלאַ,

פּיעטריקאָווער 17, 1-טער הויף

קינא-טעאטער
STYLOWY
(dawniej „ŚWIT")
POMORSKA 89.

היינט און פאלגענדע טעג!
די דאמע אין פורפור
מיטרייסענדע ליבעס-דראמע, וואס איז שטארקער פון שנאה און ט'יט, אויפ'ן גרונד פון דער רעוואלוציע א. ג.
די לעצטע מינוטען פון צאראט! איבערקערעניש אין רוסלאנד! ריהרענדע רעוועלאציאנס-סצענעס! :-: צום דאזיגען בילד איז אנגאזשירט געווארען א רוסי-שער כאר אונטער דער לייט. פון ס. לעווינין. דער זאל איז גוט בעהייצט. אנהייב 5.30 נ"מ. שבת און זונטאג 3 נ"מ. לעצטער סעאנס 9.30 אווענד
היינט און פאלגענדע טעג!
מיט Lya de Putti
Don Alvarado
i Warner Oland

קאנסום
בייל דער „ווידזעווער מאנופאקטור"
54 ראקיטשינער 54
עמפפעהלט אייגענע סחורות, זאווי פון אנדערע ערשטקלאסיגע פאבריקען
צו געוויסע פאבריקס-פרייזען
רעשטלעך, סאקונדא, בראקען, בארכענען, פלאנעלקעס און אנדערע ווידזעווער סחורות
דאמען-וועש
מענער-וועש
וואלענע דאמען-סחורות
וואלענע מענער-סחורות
זיידען-ווארען גרויס אויסוו.
וועלוועטען
שטרימף fil d'Ecosse און זיידענע
שקארפעטען
הענדשקעס
שיך
באטען און קאלאשען
זעמטליכע גאלאנטעריע-ווארען
מענער-אנציגער
מענער-פאלטענס
וואלענע טיכלעך
קאלאניאל-ווארען
דערנעהרונגס-ווארען
דאס קויפען פערפליכטעט נישט
מיר בעטען די ג' קונדשאפט צו בעזוכען אונזער ניי-ערעפענטען, דעם רייך-פערזעהענעם קאנסום
ראקיטשינער 54, צופאהר מיט די טראמוויען 10 און 16

---

4 פלעצער
אין לאדז, אויף מיליא-נאווע גאס זענען צו פערקויפען. איינצעלהייטן צו ערפאהרען ביים ווירט פון הויז אויף נאפיורקאווסקיעגא 126.

דאפעלטע בוכפיהרונג
ווי אויך האנדעלס-ארית-מעטיק, וואס איז דערציו נויטיג לערן איך אויס שנעל, גוט און ביליג. צו ערפאהרען ביי טאפיר פיעטריקאווער 82, אין הויף פון 10 ביז 3 נאכמ. „Najtańszy Zakup" און פון 5—7^30 נאכמ.

א מעקלער
פון וואוינונגען און פון געוועלבער וואוינט אין באלוט קרוטקע גאס 13 פראנט, 1 שטאק, וו. 4 פייטלאוויטש.

א קוואליפיצירטער
ביהער
ווערט געזוכט ביים קאמאשען-שטעפער לאגעווניצקא 30

א קוואליפיצירטער
זייגער=מאכער
פון דער פראווינץ, זוכט בעשעפטיגונג. אפערטען אונטער „S. W. K." אין אדמ. פון דער צייטונג.

א שותף
צו א גוט איינגעפיהרט געשעפט מיט 15 ביז 20 טויזענד זל. ווערט גע-זוכט. אפערטען אונטער „זיכערע פרנסה" אבצו-געבען אין אדמ. פון דער צייטונג. כל הקודם זכה!

קינא-טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
היינט און פאלג. טעג! פרעכטיגע פרעמיערע!
הערצער-מעלאדיע
וואונדערשעהנער ליבעס-פילם פון דער אונגא-רישער וויסטע, וואס ריהרט ביז צו דער טי-פעניש. נשמה פון א דארפיש מיידעל, וועלכע — אין פערליבט אין א מיליטער-מאן. —
אין די הויפט-ראלען : אין די הויפט-ראלען :
DITA PARLO i WILLY FRITSCH
אויסערן פראגראם: „די מלחמה הינטער ווארשא"
פערשטארקטער ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' סטעפאנסקי.
אנהויב פון די סעאנסען : אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג און יום-טוב — 12 א זייגער בייטאג. דער זאל איז גוט בעהייצט.

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע, אונבלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס.



פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך הערט גרוים צווי אין א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א מעסער-קאן און עס פעלט ארויין אין דעם פוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל געמאכטע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר-דאקטאר בראכט רעזונג בעזונדערן זיכער דעס שוערסטען און געפעהרליכסטען



בויך. אויך פאר הויקערס ליימונגען מיט הייל-גארטעלען און אפאראטען פאר פערקרימטע פיס און פלאטס-פוס ספעציעלע אינלאגען אין די שיך. קונסטליכע גלידער פיס און הענט, געמעגע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע ארבעט.
סטעלענגען פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונט.
ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 10, tel. 221-77, front, parter
בעמערקונג: דעם הערוועליכע ערשטען פון די קראנקע איז אונבעריונג נויטיגע איבלעמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר בארנאטש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע. מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע
דאנקזאגונג.
דעם געעהרטען הר' דיר. י. ראפאפארט, ספעצ. פאר ברוך-לייזענדע אין לאדז, וואלטשאנסקא 29, פראנט 2. שטאק, פאר דער ביזער אינטערעסענלאזער הילף און רא-טען מיך דעם ערשטען טאג ראש השנה פון דעם שווערען און טאד מיין לעבען געפעהר-ליכען ברוך, פאר דעם ווייטערדיגען אלטעגען מיר דעם באנדאזש פון זיין טעמפערע דאנק איך אויך דעם הער הערצליך און עס פעהלט איהם דאדורך פאר אלע ברוך-לייזענדע.
Dr. M. Minzer, N. lekarz kolejowy K. Chorych.

רעטשניצע
צאהן-ערצטליכער גאבינעט און רענטגען-אינסטיטוט
דיאגנאסטיק, אויסערליכע און לייכט-טיפע טעראפיע
זגערזשער 17 טעל. 16-33
ווענערלאגישער גאבינעט
טעגליך טעטיג פון 1 — 2 נאכמיטאג.

ווענעריש בירורגישע **קליניק**
„SANATO"
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
ערצטליכע אויפזיכט איבער דער מוטער און קינד
פרייזען פון געבורט
אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויגען-אפטיילונג פון ד"ר מעד. י. קראוש
עמפפאנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.
כירורגישע אפטיילונג פון ד"ר מעד. ס. קאנטאר
עמפפאנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8–11 און פון 5–9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med.
A. Landkof
פאלודניאווא 15
טעל. 138-34
אינערליכע און קינדער קראנקהייטען
נעמט אן פון 2-3 און 7-8 אוו.

לאנגיעריגער **גערינכטס-סעקרעטאר**
ערטיילט און ערלעדיגט אלערליי
ביטעס, אנקלאגעס און קלאוזולעס
ספעציאליסט אין מיליטער-ענינים.
ב. מאז, פיעטריקאווער 10
בעקאנטמאכונג
דערמיט מאך איך בעקאנט מיינער נ' קונדשאפט, אז צוליב דער בעקוועמ-ליכקייט האב איך געעפענט אן אפטיילונג פון מיין לאנג-עגזיסטירענד
ביטשריפטען-ביורא פל. וואלנאשטשי 3
(פארטער, רעכטס)
וואו עס ווערען פינקטליך און געוויסענהאפט ערלעדיגט אלע ארט ביטעס אין פערשידענע אויסשענדעס, ווי אויך קלאוזולעס, זאבעזפיעטשעניעס, אדוואקאטישע אויף פארמעק דאקאדאווי, אויסקויף פון פאטענטען.
בעמערקונג: פערשידענע עצות וועגען פאדאטקאווע ספראוועס ווי אויך אנדערע פראגען ווערען ערטיילט דורך א ספעציעלען גוט בעקאנטען יוריסט.
מיט אכטונג
Sz. Hochberg, Pl. Wolności 3, tel. 216-58

נייעס!!!
„SREBROL"
פליסיגקייט צו זילבערן
בילדעט א שיכט ריינעם זילבער האט געוועהנליכן אנרייבען
פרייז פון א פלעשעל 2 זל. צובעקומען אין אפטייקן און פאר.אפטעקעס.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 151-78
צוריקגעקערט
הויט און וועגערישע קראנקה. רענטגען און ליכטהיילאינסט. נעמט אן פון 4—7 אוונט

Dr. N. HALTRECHT
ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנק. נעמט אן פון 8 ביז 9 פרוה פון 12—3 נאכמיטאג און פון 8 ביז 9 אוונט. זונטאג פון 9 ביז 1 בייטאג.
פיעטריקאווער 10
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

Dr. Z. Rakowski
ספ. פאר אוירען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקה.
9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 127-81.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—5.

שפארזאמקייט פאר אלע סוחרים
צו וואס דארט איהר פאהרען צו די באהנען שיקען מענשען אבצושטעהן שעה'ן לאנג אפ-צונעהמען נאכנאהמעס שפארט אייך אייער צייט, געלד און אויפרעגונג און שיקט עס אריין צו מיר ווען איהר פאר א גאנץ קליינע פערגיטי-גונג קריגען זאפארט אויסגעצאהלט יעדע סומע פון צענערונג, אויך א גאנצען טאג.
עקספעדיציע באמבערג
נאוואמיעסקע 4.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6—זל. א חודש, אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן איינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך
די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער צייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60— 4
פאר א מיליטער-שורה נאכ'ן טעקסט—12 . . . . 18— 8
ליסטע: דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Ka[illegible]
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.